זיבעצענטער יאָהרגאַנג
№52

"CZENSTOCHOWER CAJTUNG". • פרייז 20 גראָשן.

טשענסטאכאווער צייטונג

Piątek 30 grudnia 1938 | 3.17 ליכט-צינדן | פרייטאג ח' טבת פ' ויגש תרצ"ט

Bibl. Jagiellońska
Kraków

אין טיפען טרויער, פול מיט צער און פיין נאָך אונזער טייערן און גישט-פערגעסליכען חבר און פריינד

משה (מאניעק) פענדראה

צו וועמענס בליהענדער יוגענד, אין 37-טען לעבענס-יאָהר, האָט אונברחמנות'דיג און מיט אונרעכט געמאַכט אַ סוף, דער טויט.
בראָנקאַ'ן און דער פאַמיליע פענדראַק — אין דער פערווירקליכונג פון זיינע שעפערישע אידעאַלען זוכט און געפינט דעם טרייסט.

דוד וולאָדאַווסקי, אבא חינער, אהרן בערקאָוויטש, הירשל באלזאם, שמואל שילדהויז, יהושע שטרויס
שמואל אָדערבערג, שלמה פישמאַן, דוד קויפמאַן, דוד יארקאוויזנא, שבתי האסקלאוויטש, זאב פערשט
שמעון אָפמאַן, יצחק חין, פרימעט גרינבוים, אברהם פרעסמאַן

האלאָ | ווילון | האלאָ

ביי מיר בעקומט מען צוּם עסען, באַקען און בראַטען, אוין **בוימאויל**

פערשידענע זייפען אלץ צו ביליגע פרייזען.

טוסק, גוריעלון, קרולעווסקא 9.

Proszek od BÓLU GŁOWY
KOWALSKINA
dla dorosłych ze zn. fabr.
Dzieci zażywają Kogutki
PRZY PRZEZIĘBIENIU GRYPIE i KATARZE

ערקלערונג.

דער געלד-סכסוך צווישען מיר און ה' זיסמאַן קרויזע, נאָכדעם ווי ער האט דערהאלטען אַג'ענס-פער פון דער יעניגער פערזאָן, וועמען די זאך איז דירעקט נוגע געווען, איז ערלעדיגט געוואָרען אויף אַ פרידליכען אופן.

מיט דרך ארץ: **מ. י. קויפמאַן**

אונזער געשעפטס-פריינד ה' לייב גאדלעוויטש און פרוי אין גרויסען צער צוליעב'ן טויט פון זייער זוהן ב"ע

משה

דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל
דוד כלאָפאַק און פרוי, גדליה יאַקובאָוויטש און פרוי
אייזיק כלאפאק און פרוי, אברהם משה כלאָפאַק און פרוי

טיעף געריהרט פונ'ם גרויסען אומגליק צוליעב'ן טויט פון אונזער פריינד און קוזין ב"ע

משה

דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל דער פאַמיליע גאדלעוויטש
פנחס הארכאד, יהודה חיים גאדלעוויטש און פרוי.

Pulchne i smaczne, bo pieczone na proszku do pieczenia Dawa. Dawa nie pozostawia posmaku.

Dawa

Dr. A. Wander S. A. Kraków.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA „KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2 i Warszawska 37.

מאכט בעקאַנט, אז איצט ווערט געוואשען מיט א הערליכען שפיגעל-גלאַנץ, וואס איז נאָך ביז איצט אין טשענסטאָכאָוו נישט געווען.
כדי צו איבערצייגען ועגען דעם די קונדשאפט האָבען מיר
פערביליגערט די פרייזען:
אַ קאָלנער מיט א הערליכען גלאַנץ **12 גר.**
אַ העמד — — — **40 „**
אויך זענען פערביליגערט געוואָרען די פרייזען אויף כעמיש וואשען און פארבען. פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן אָרט.
ספעציאַליטעט: פאַרבען לעדערנע קורטקעס

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער שוואָגער און ברודער
יהודה ווילינגער צו זיין פערלאָבונג מיט פרל. **אסתר מלינאַרטשיק** פון קעלץ
דוד מאַנסדאָרף, פרוי און קינדער

א הארציגען מזל-טוב און פיעל גליק ווינשען מיר אונזער זוהן, ברודער און שוואגער **אריה לייב קויפמאַן** צו זיין פערלאָבונג מיט פרל. **זיסל קאַמיאָנער** פון אלעקסאַנדער. מיר זאָלען פון זיי פיעל נחת האבען.
פאַמיליע קויפמאַן, וויעלון.

אונזער שוועסטער און שוועגערין **זיסל קאַמיאָנער** צו איהר פערלאָבונג מיט ה' **אריה לייב קויפמאַן** ווינשען מיר די פערלאָבטע פיעל גליק, די עלטערן — נחה און פרייד.
נטע קאַמיאָנער און פרוי, פישל קאמיאָנער און פרוי, אלעקסאנדער
סאנדל וואָלקאָוויטש און פרוי, וויעלון

צו די תנאים פון אונזער שוועסטער און שוועגערין **זיסל קאַמיאָנער** מיט ה' **אריה לייב קויפמאַן** אונזערע הארציגסטע ברכות די פערלאָבטע, די עלטערן פיעל נחת און פרייד
מאיר איטשע גראָסמאַן און פרוי, אלעקסאנדער, אברהם דוד קאלעסקי און פרוי, שודעק

W detalu ceny ściśle fabryczne | **Najdogodniejsze warunki**

Zawiadomienie.

Zawiadamiamy Sz. P. T. Klientelę, że fabryka nasza przeniesiona do Radomska i powiększona zasila nadal nasz sklep fabryczny, mieszczący się przy

ul. Narutowicza 19-23

naszymi wyrobami.



Sklep nasz stale jest zaopatrzony w wielki wybór **mebli giętych, polerowanych i lakierowanych we wszelkich kolorach, zastosowanych do kolorów fornierów szlachetnych.**

Polecając się nadal łaskawej pamięci Sz. Klijenteli kreślimy się z wysokim poważaniem

Sklep fabryczny
Fabryki mebli giętych D. Szmulewicz i S-ka

דערוויסענדיג זיך וועגען טויט פון אונזער לאַנגיעהריגען שכן

ב"ע **יצחק**

טרעמבאצקי

דריקען מיר אויס פון דערווייטענס דער פער'יתומטער פרוי און קינדער אונזער טיפסטען מיטגעפיהל.

המקום ינחם אותם ולא יוסיפו לדאבה עוד.

ווארשא. **באַלטשע גרינבוים און פאַמיליע**

מיר זענען טיעף ערשיטערט צוליעב'ן פריהצייטיגען טויט פון אונזער איבערגעגעבענעם מיטארבייטער

ב"ע **משה**

פענדראה

און דריקען אויס דער פער'יתומטער פרוי און פאמיליע דעם טיעפסטען מיטגעפיהל ולא יוסיפו לדאבה עוד.

שלמה רוזשעוויטש, זוהן און פאַמיליע

W sobotę, dnia 7 stycznia 1939 r.

odbędzie się w salach gimnazjum przy ul. Jasnogórskiej 8-10

WIECZÓR TOWARZYSKI

Bufet wykwintny. Orkiestra doborowa. Strój dowolny.

Dochód przeznaczony na zasilenie funduszów Komitetu Budowy.

Państwu S. NIEMIROWSKIM z intencji zaręczyn Ich Córki BRONISŁAWY z p. inż. BOLESŁAWEM MARKOWICZEM serdecznie gratulują ZYGMUNTOSTWO BEATUS
Zamiast kwiatów składamy zł. 10.— na rzecz uchodźców.

צו דער חתונה פון אונזערע געעהרטע שכנים
ה' **לייבל באַבראָווסקי** מיט פרל. **פראַניאַ פייערשטיין**
ווינשען א הערצליכען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט.
חיים שיין און פאמיליע

סאלאַ פערעלמאַן יאַקוב וואָזשניצאַ

חתונה געהאט

אין דעצעמבער 1938 י.

פיעל ברכות און אייביגעס גליק ווינשען מיר אונזער ליעבע טאָכטער און שוועסטער

סאלאַ פערעלמאַן

צו איהר חתונה מיט ה'

יאַקוב וואָזשניצאַ

זייט גליקליך!

פאָטער און געשוויסטער

Z intencji zaręczyn panny SALI SŁAWNY z panem LEONEM JAKUBOWICZEM życzą dużo szczęścia i pomyślności, a Rodzicom pociechy NATAN MARKOWICZ z ŻONĄ.

צו דער חתונה פון פרל. **סאלאַ קאָלין** מיט ה' **מאָניעק מושינסקי**
א הארציגען מזל-טוב און אייביגע צופרידענהייט ווינשט
י. גרילאַק

צו דער חתונה פון פרל. **סאלאַ קאָלין** מיט ה' **מאָניעק מושינסקי**
ווינש איך א הארציגען מזל-טוב און א גליקליך צוזאמענלעבען
אריה פייערמאַן

Z intencji zaślubin koleżanki SALI KOLINÓWNY z p. MOŃKIEM MUSZYŃSKIM życzą szczęścia
S. Okrętówna, J. Chliwner

אונזער פריינד איציק קינד און פרוי פון לאָדז
צו דער חתונה פון זייער זוהן **שימאָן** מיט פרל. **מיניאַ ראש**
ווינשען א הערצליכען מזל-טוב
יוסף שאיא און פרוי

אונזער פריינדין **פייגושאַ ווראָצלאַווסקאַ** ווי אויך דער **פאַמיליע שאַיאַ** צוליעב'ן טויט פון זייער

ב"ע **פאטער**

דריקען מיר אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.
אברהם אָפמאַן און פרוי

קאנסטרוקטיווע הילף פאר די פליטים.

דער הילפס-קאמיטעט אינפארמירט נישט די פרעסע וועגען איהר ארבייט און וועגען איהרע פלענער אויף דער צוקונפט, ווייסען מיר דעריבער נישט, ווי אזוי עס האלט מיט דעם דאזיגען ענין. און דעריבער מאקי ערלויבען מיר זיך אנצוווייזען, אויף איינעם פון די וויכטיגסטע און ראדיקאלסטע מיטלען, וואס קאן פערגעטפערען אט די דאזיגע אנגעווהאגטע פראגע.

זעהר שעהן און זעהר פיין, ווען די ארויסגעיאגטע האבען בעקומען די מעגליכקייטען צו האבען א דאך איבער'ן קאפ, א ביסען ברויט אין מויל אריין און א מלביש אויפ'ן לייב, אבער וואס ווייטער? מיט וואס וועט זיך דאס ענדיגען און ווי לאנג איז דער שיעור צו פיהרען אט די דאזיגע אגב זעהר נישט אנגענעהמע פילאנטראפישע ארבייט? מען מוז דאך זארגען אז אט, די ארויסגעיאגטע, יודישע פאמיליעס זאלען קאנען אנהויבען לעבען און עקזיסטירען פאר זיך אליין א נארמאלער טייל פון דער בעפעלקערונג און דאס איז מעגליך נאר דאמאלס, ווען דער פליטים-קאמיטעט וועט זיך פערנעמען מיט זיין הויפט-אויפגאבע צו פערזארגען די פליטים מיט קאנסטרוקטיווער הילף.

די אלע משפחות, וועלכע האבען די מעגליכקייט אויסצוואנדערן מעבר לים, דארף מען זיי מיטהעלפען ווי וויים מעגליך, אז זיי זאלען דאס קאנען פערווירקליכען וואס פריהער און די איבריגע מוזען האבען א בעשעפטיגונג, האנדלען אדער ארבייטען.

מיר רעדען שוין נישט, ווי שעדליך דאס ווירקט, סיי פסיכיש, סיי מאראליש אויף מענשען, וועלכע זענען זייער גאנץ לעבען געווען זעלבסטשטענדיג און דא האט מען זיי פערוואנדעלט אלס אונטעטיגע, נאר אפילו אין פראקטישען זין פון ווארט, איז דאך נישט מעגליך, אז די דאזיגע הילף זאל זיך בעגרעניצען בלויז מיט פילאנטראפיע.

אוודאי, זאגט זיך לייכטער ווי עס טהוט זיך, אבער אזוי זעהט אויס אונזער לאגע. און מיט דעם מוז מען זיך רעכענען.

די טשענסטאכאווער יודען, אויב זיי פיהלען זיך אלס גליעד פון דער יודישער משפחה, מוזען עפענען זייערע בייטלען און געבען אזעלכע סומעס, וואס זאלען זיין אומשטאנד צו געבען די מעגליכקייטען אונזערע פליטים, דאס זיי זאלען קאנען ווערען זעלבסטשטענדיג, עפענען א ווערקשטאט אדער א קראם און לעבען פון זייער אייגענער פראצע און ענערגיע, ווייל — ווי מיר האבען בעטאנט — דערמיט וואס זיי טהוען גארנישט, נאר קומען טאגטעגליך אין הילפס-קאמיטעט טויט מען ביי זיי אב די ענערגיע און מען פערוואנדעלט זיי אין מאראלישע אינוואלידען.

איבריגענס, איז די דאזיגע פראגע וועגען קאנסטרוקטיווע הילף פאר די פליטים געשטעלט געווארען אין דער גאנצער ברייט אויפ'ן פלענום פון צענטראלען הילפס-קאמיטעט אין ווארשא און מיר, אין טשענסטאכאוו, דארפען דא — לויט אונזערע לאקאלע מעגליכקייטען — אנהויבען טהוען אונזער ארבייט.

זאלען מיר, טשענסטאכאווער יודען, בעווייזען צוזאמען מיט'ן פוילישען יודענטום, אז נישט קוקענדיג דערויף, וואס מיר אליין לעבען איבער מורא'דיגע טעג, פונדעסטוועגען ערפילען מיר אונזער הייליגען חוב לגבי אונזערע ברידער, די דייטשע פליטים.

דער געבאט פון דער שעה איז — אנווענדען אלע כחות, כדי צו רעאליזירען דעם פלאן פון קאנסטרוקטיווער הילף פאר די פליטים.

ש. פ.

פון מאגיסטראט

דער וויצע שטאדט-פרעזידענט יוזעף דזובא האט אנגעהויבען זיין אברוה-אורלויב.

קורצע ידיעות פון דער וואך.

— די רעגירונג פון אורוגוואי האט אבגעשטעלט דאס ערטיילען וויזעס יודען, וועלכע עמיגרירען צוליעב פאליטישע אדער ראסען טעמים.

— די דייטשע פאליציי-ארגאנען ווענדען-אן שארפע רעפרעסיעס געגען די נייע שטאאטסלאזע יודען, וואס האבען לעצטענס פערלוירען זייער אויסלענדישע בירגערשאפט. די דאזיגע יודען ווערען געצווינגען צו עמיגרירען און אויב זיי בעווייזען דאס נישט צו טהון, ווערען זיי איינגעזעצט אין א. ג. דעפארטאציע-ארעסט.

— די אונגארישע רעגירונג האט איינגעטראגען אין פארלאמענט א פראיעקט פון א נייעם פערשארפטען יודען-געזעץ, וואס זעהט פאר א 6-פראצענטיגע נארמע פאר יודען אין ווירטשאפטליכען און קולטור-לעבען און פיהרט אויך איין א גאנצע רייהע פרישע בעגרענצונגען פאר יודען.

— די רבנות-הראשית אין א"י האט בעשלאסען צו פראקלאמירען עשרה-בטבת (1 יאנואר) אלס וועלט-תפילה-טאג פאר די דייטשע יודען און פראטעסט-טאג געגען די רדיפות אויף יודען.

— די רומענישע רעגירונג האט צוגענומען די קאנצעסיעס ביי אלע יודישע שענקערס און טאבאק-פערקויפער אין בוקאווינע. די צאהל געטראפענע שטייגט איבער עלף הונדערט פאמיליעס.

— אין רעזולטאט פון די אנטי-יודישע געזעצען אין אונגארן זענען בעגאנגען זעלבסטמארד דער פרעזעס פון דער בודאפעשטער קהלה געזא דאנוארי און דער פראפעסאר פון בודאפעשטער אוניווערזיטעט דר. ליבערמאן.

— אויף א זיצונג פון אמעריקאנער קאנגרעס האט מיניסטער אייקס שארף געטאדעלט די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד. סענאטאר קינג האט ערקלערט, אז די דייטשע אכזריות'ן געגען יודען קענען דערפיהרען צום איבררייסען די דיפלאמאטישע בעציהונגען צווישען ביידע לענדער. דעם 4 יאנואר זאל פרעזידענט רוזעוועלט ארויסטרעטען אין סענאט מיט א שארפער רעדע געגען דייטשלאנד.

— א דעלעגאציע פון ענגלישען ועד-הקהלות האט אינטערווענירט ביים קאלאניען-מיניסטער מאקדאנאלד וועגען רעוויזירען דעם בעשלוס פון דער רעגירונג נישט אריינצולאזען די 10 טויזענד יודישע קינדער קיין ארץ ישראל.

— אין עמק בית-שאן איז געגרינדעט געווארען א נייער יודישער ישוב אויף קרן-קימת-באדען. דאס איז דער 36 טער ישוב, וואס איז געגריגדעט געווארען זינט דעם אויסברוך פון די אונרוהען.

אויפ'ן וועג פון בורגאס קיין אווילא איז ארויסגעפיהרט געווארען אנ'אטענטאט אויף געג. פראנקא, וועלכער איז פערוואונדעט געווארען אין דער פלייצע.

— לויט א בעפעהל פון דאנציגער סענאט מוזען אלע יודען פערלאזען די שטאדט ביז'ן 1 יאנואר. קיין ווארשא זענען שוין אנגעקומען די ערשטע טראנספארטען פון די ארויסגעטריבענע פון דאנציג.

— צוליעב דער פערשטארקטער אנטי-דייטשער באיקאט-אקציע אין אמעריקא האבען פיעל לאדזער פאבריקען בעקומען גרויסע בעשטעלונגען אויף פערשידענע גאלאנטעריע-און מאנופאקטור-אויסארבייטונגען.

— די פאן-אמעריקאניש'ע קאנפערענץ אין לימא האט זיך פערענדיגט. איינע פון די וויכטיגסטע רעזאלוציעס פון דער קאנפערענץ איז, אז די קאלאניעס פון די אויסלענדער, וואס וואוינען אין אמעריקא, קענען נישט אנערקענט ווערען אלס נאציאנאלע מינדערהייטען.

— אין בריסעל איז פלוצלונג געשטארבען אין עלטער פון 68 יאהר דער בעקאנטער סאציאליסטישער טהוער עמיל וואנדערוועלדע. דער פערשטארבענער איז געוועזען פארזיצער פון אויספיהר-קאמיטעט ביים סאציאליסטישען אינטערנאציאנאל. ער איז אויך א צייט געווען בעלגישער וויצע פרעמיער.

— דער יוסטיץ מיניסטער גראבאווסקי האט שוין בעשטימט די נייע קאנטינגענטען, וואס ווערען בעשטימט פאר נייע אדוואקאטען אין די בעזונדערע ראיאנען. ביז'ן 15 טען יאנואר וועלען פערשריבען ווערען נייע 63 אדוואקאטען און 22 אדוואקאט-אפליקאנטען. לגבי דער צאהל קאנדידאטען אויף די דאזיגע וואקאנצען, איז דער סכום א נישטיגער.

— אויפ'ן אויסערגעווענליכען סאציאליסטישען קאנגרעס אין פראנקרייך, וואס איז פארגעקומען הינטער פאריז האבען די רעזאלוציעס פון לעאן בלום בעקומען א גרויסע מעהרהייט. דער קאנגרעס האט זיך ארויסגעזאגט פאר שאפען א רעגירונג פון נאציאנאלע איינהייטען און געגען די דעקרעטען פון דאלאדיע'ס רעגירונג.

— די פראפעסארען און סטודענטען פון דער בערמינגהעם - אוניווערזיטעט האבען זיך געוואנדען צום פרעמיער טשעמבערליין מיט א פעטיציע, נישט צו מאכען קיין שום קאנצעסיעס פאר דייטשלאנד אזוי לאנג ווי יודען ווערען געראובט. די סטודענטען פון די אוניווערזיטעטען אין אקספארד און אין לידס בעטייליגען זיך אקטיוו אין דער הילפס-אקציע פאר די פליטים.

— די הויפט-וואהל-קאמיסיע צום ווארשאווער שטאדט-ראט האט פערעפענטליכט דעם אפיציעלען רעזולטאט פון די וואהלען. דער רעזולטאט איז פאלגענדער: „בונד" — 17 מאנדאטען; ציוניסטען-דעמאקראטען — 1; אלגעמיינער בלאק — 2; „אזאן" — 40; ענדעקעס — 8; נאראוצעס — 5 און פ. פ. ס. — 27.

— אין א רעדע, וואס איז געהאלטען געווארען אויף א קארדינאלער פערזאמלונג, האט דער פויבסט שטארק אנגעגריפען די לעצטע ראסען-געזעצען פון דער איטאליענישער רעגירונג, וועלכע זענען בעצייכענט געווארען אלס פערלעצונג פון דעם לאטעראנער אבמאך.

— דער פרעמיער דאלאדיע האט ווידער צונויסגערופען אין קריגס מיניסטעריום א בעראטונג, וועלכע האט געדויערט אנדערטהאלבען שעה. עס איז געווארען ארומגערעדט די פראגע פון פרעמיער'ס רייזע אויף קארסיקא און קיין טוניס.

— ווי עס מעלדעט דער סעקרעטאריאט פונ'ם פעלקער-בונד וועט רוזוועלט דעם 4 טען יאנואר האלטען זיין גרויסע יעהרליכע רעדע אין סענאט וועגען דער לאגע פון די פעלקער.

אדיע 1938...

ס'וואלט געווען נישט עטיש, אז ביים געזעגענען זיך מיט'ן אוועקגעהענדען יאהר זאל מען נישט ביי דער געלעגענהייט אויסרעכענען די מעלות טובות וואס דאס יאהר 1938 האט געהאט.

איבערהויפט פיהרט זיך לעצטענס, אז מען מאכט נאך יעדען בר מנן א הספד. ווער ס'מאכט איז נישט וויכטיג, ס'קאן זיין אפילו דער אזוי-גערופענער מורה הוראה, וועלכער איז גרייט יעדע מינוט צו האלטען א הספד נאך וועמען עס זאל נישט זיין, אבי מען בעצאהלט עטשע פעטשע...

וועלען מיר אויך נישט פערשעמען אונזער בר מנן און איהם אויך נאכזאגען די פערדינטע שבחים.

אלזא מיר הויבען אן:

אט ליגט פאר אונז דער נפטר, וועלכער געהט אין זיין אייביגער רוה און אויף זיין ארט וועט קומען א צווייטער, א פרישער, א יונגערקער, וואס וועט זיך רופען 1939. ווי אזוי דאס נייע יאהר וועט זיך אויסצייכענען איז נאך נישט בעוואוסט. דערפאר אבער ווייסען מיר וואס פארע אויפטהועכצען עס האט פאר דער וועלט געשאפען דאס אוועקגעהענדע יאהר.

מיר זענען, נאטירליך, נישט אימשטאנד דא אלע שבחים אויסצורעכענען, ווייל ווען מיר זאלען זיך אבשטעלען אויף יעדען פרט בעזונדער, וואלט עס פערנומען צופיעל פלאץ, וועלען מיר זיך דעריבער בעגרעניצען נאר מיט עטליכע שבחים, וואס וועלען אבער אין א גענוגענדער מאס געבען די געהעריגע אבשאצונג.

אייגענטליך איז שווער צו וויסען פאר וואס דער נפטר האט זיך אנגערופען מיט'ן נאמען 1938 אינדערצייט, ווען פאקטיש האט ער זיך געדארפט רופען 1492, נאר חיות ווי קיין טויטען פרעגט מען נישט קיין שאלות, וועלען מיר בעסער איבערגעהן איבער דער דאזיגער פראגע צום טאגס-ארדנונג...

דו (יעדען טויטען זאגט מען דו) האסט אונז, יודען גענוגט שטענדיג אויף דיינע ליפען דיין גאנץ לעבען האסטו זיך מיט אונז מתעסק געווען און נישט גאר א געוויסע שעה אין טאג, נאר א גאנצען מעת לעת, מיט איין ווארט, די גאנצע 365 טעג און נישט נאר אויף איין אבשניט, נאר אויפ'ן גאנצען כדור הארץ. דו האסט געמאכט דעם איינדרוק, אז דו ביזט געקומען אויף דער וועלט, כדי צו פערענדיגען דאס, וואס דיינע פארגעגנער מיט עטליכע הונדערט יאהר צוריק האבען נישט אויסגעפערטיגט...

מילא, דיינע פערדינסטען אין דער מדינה אשכנז, איז דאך נישט אבצושאצען, דו האסט דארט טויזענדער יודען אומגעברענגט, זייערע קינדער אומגליקליך געמאכט, צוגערויבט מיט א גזל'ניש הארץ זייער פערמעגען איז דיר דאס נאך געווען ווייניג, האסטו פערברענט זייערע שוהלען, פערניכטעט זייערע היימען און מענשליכע ברואים געשיקט אויף א זיכערען טויט.

אויך דיינע פארגענגער קאן מען נישט פארווארפען, אז זיי זענען געזעסען מיט ליידיגע הענד, נאר דאס, וואס דו האסט אויפגעטהון, איז געווען א מייסטער-ווערק.

אויך אין מאדזארען לאנד ביזטו נישט געזעסען ליידיג, דו האסט דארט איינגעפיהרט די ספעציעלע יודישע געזעצען און דו קאנסט פון דיין ווערק קלויבען נחת, דאס זעלבע קאן מען זאגען וועגען רומעניען און לעצטענס אויך טשעכיען.

דיך האט שטארק געצערט, וואס אין דעם טשעכישען לאנד לעבען זיך די יודען רוהיג, האסטו אראנזשירט די טראגי-קאמעדיע. אין דריי אקטען מיט'ן טיטול נאמען „מינכען" און דאס דייניגע האסטו אויסגעפיהרט—אויך אין טשעכיען פערפאלגט מען יודען און אין קורצען וועלען זיי פיהלען דעם זעלבען טעם וואס אין גערמאניען-לאנד.

דו האסט אויך גרויסע פערדינסטען פאר די יודען, וועלכע זענען די גרעסטע אין צאהל אין אנ'איראפעאישע מדינה אויך דא הערט מען רעדען א גאנצען טאג וועגען זיי און נישט נאר אין פארלאמענט, אין ראדיא, נאר אויך די צייטונגען זענען מיט זיי פול, מען האלט נאר אין איין רעדען אט וועגען די יודען. איבערהויפט איז דיין ליבלינגס-מאכל, דאס פיין-געבראטענס, וואס רופט זיך „עמיגראציע". עס איז באמת צו בעוואונדערן, וואס דיין מאגען איז נישט פערדארבען געווארען פון אזוי פיעל עסען דאס פעטע עמיגראציע-מאכל. אין דער פריה עמיגראציע, אויף מיטאג—עמיגראציע און צו אוונד-ברויט—ווידער עמיגראציע. ווי איז דיר נישט מיאוס געווארען צו האלטען אין איין קייען און איבערקייען די עמיגראציע?

אויך ביזטו, טייערער נפטר, געבענשט מיט א פענאמענאלען זכרון. דו האסט אויך נישט פערגעסען אין דעם ביסעל יודען, וואס לעבען אין טיטוס הרשע'ס מדינה. אויך דארט האסטו אנגעשפארט און געטהון דאס דייניגע און דאנקען גאט, יענע יודען האבען זיך שוין אויך נישט צו בעקלאגען...

ווי גרויס דו ביזט איז דער בעסטער בעווייז, אז אפילו אין ארץ-ישראל האסטו דיינס דערגרייכט, אמת, די דארטיגע יודען לאזען זיך נישט איינבייסען, זיי קעמפען געגען דיר אבער וויפיעל עס זאל נישט זיין, קאן מען צו דיר קיין טענות נישט האבען.

דו חשוב'ער נפטר, ביזט אזוי גרויס, אז אפילו צו דער מלוכה פון גענעראל פראנקא האסטו אנגעשפארט און אויך דארט האסטו פערזייהט דיין אידעע, וואס רופט זיך יודען-האס מיט איין ווארט, דו האסט דיין לעבען נישט גע'פטר'ט אומזיסט, יעדער טאג דיינער איז נישט אוועק לאיבוד, נאר דו האסט טריי און ערליך ערפולט דיין מיסיע.

נאך א שבח מוז מען דיר זאגען, געערטער נפטר, אז דו האסט אבגעהיטען די טראדיציעס, וואס דיינע פארגענגער האבען אנגעהויבען בנוגע דער מלחמה אין שפאניען און די מחלוקה צווישען יאפאן און כינע. נישט נאר, וואס דו האסט זיך נישט בעמיהט זיי צו ליקווידירען, נאר דו האסט נאך מיטגעהאלפען, אז דאס פייער זאל זיך צופלאקערען, אזוי, אז נישט בלויז יודען פון דער גאנצער וועלט האבען אויף דיר צו וויינען. נאר אויך שפאניער און כינעזער וועלען דיין נאמען דערמאנען מיט טרעהרען אין די אויגען.

ווי מיר האבען ביים אנהויב פון הספד געזאגט, וואלטען מיר געהאט נאך א סך, א גאנץ סך וועגען דיר צו רעדען און אויסצורעכענען דיינע העלדענטאטען, נאר אזוי ווי מיר קאנען דאס נישט אויף דער הייסער רגע, וועלען מיר דיר איצט נאך דערמאנען איין שבח, וואס איז שוין נוגע ספעציעל די טשענסטאכאווער יודען. יא, אויך אין אונז האסטו, ליעבער 1938, נישט פערגעסען און הארט פאר'ן טויט אונז בעגעבען א מתנה.

— די היגע קהלה איז לעצטענס געווארען זעהר אבגעשוואכט, מחמת די נייע פערוואלטונג איז נאך נישט בעשטעטיגט און די אלטע נישט פונאנדערגעלאזט. האט מען געשמועסט, אז א ליאדע טאג קומט אן א קאמיסאר, וועלכער וועט ענדליך מאכען די געהעריגע ארדנונג. מען האט שוין זאגאר אנגערופען דעם נאמען פון קאמיסאר. דערווייל האט זיך ארויסגעוויזען, אז דו זעהר געאכפערטער נפטר, האסט ביי דיין לעבען נישט געוואלט צולאזען צו אזא בזיון און אנשטאט דעם האסטו ארויסגעווארפען פון דער קהלה-פערוואלטונג די סאבאטאזשניקעס און שטערער און אויף זייער ארט האסטו איינגעלאדען זייערע פערטרעטער. ווי אזוי דאס וועט זיין איז נאך נישט בעוואוסט, ווייל פערהאנען צווישען די ארויסגעשמיסענע אזעלכע, וועלכע האבען טאקי גארנישט געטהון, נאר פערקעהרט, זיי האבען שאדען געברענגט. אבער דאס, וואס מען האט זיי גענומען פאר'ן קארק און ארויסגעשמיסען פון אלע טרעפ, געפעלט זיי נישט און זיי וועלען נאך מסתמא גענוג פאסקודזיען. דאס שטיקעל אבער, וואס דו האסט געהאט מוט ארויסצווארפען די דאזיגע חברה, צווישען וועלכע עס געפינט זיך אויך אזעלכער, וואס האלט, אז אהן איהם קאן די קהלה נישט עגזיסטירען, אט דאס אליין איז שוין עפיס ווערט. און די גאנצע שטאדט יודען פון ק"ק טשענסטאכאוו האלטען, אז דאס איז פון דיין זייט א גרויסע מתנה.

איצט געהסטו אוועק אין דיין אייביגער רוה. דו וועסט זיך דארט בעגעגענען מיט דיינע בעסטע חברים, וועלכע האבען געקיניגט אין די צייטען, וואס מיר רופען אן „מיטעלאלטער", דו וועסט דיך אויך דארט נישט דארפען פאר זיי שעהמען; זיי וועלען דיר גרויס כבוד אבגעבען; זיי וועלען זיך נאך דארפען שעמען פאר דיר. יא, מיר זאגען דאס אפען, דו ביזט געווען א גרעסערער העלד פון זיי, טא שלאף רוהיג דיין אייביגען שלאף, זאלען זיך אזעלכע ווי דו נישט מעהר אומקעהרען און באדאי אין גן-עדן זאל זיין דיין רוה, נאר אויף אונזער וועלט זאלען אזעלכע ווי דו זיך מעהר נישט בעווייזען.

מיר זאגען דיר נישט אויף ווידער זעהן, נאר מיט'ן גאנצען הארצען, אונזער איינציגער בעגעהר איז, אז עס זאל זיין מיט דיר אדיע. יא, טייערער חבר, הארציגער פריינד, פערשווינד אין דער אייביגקייט; דיינע מעשים ביים לעבען וועלען אונז לאנג ליגען אין די ביינער און מיר זאגען דעריבער —

אדיע 1938.

סמאל

די סכנה

פון ד"ר א. מוקדוני

די קאַטאַסטראָפאַלע לאַגע, אין וועלכער לערך זעקס מיליאָנען יודען, אַ קנאַפּע העלפט פון דעם יודישען פאָלק, געפינען זיך, האָט אונז צעטומעלט. גלייך ווי אין די אַמאָליגע שריפות אין די יודישע הילצערנע און שטרויענע שטעדטלעך, ווען מען פלעגט ראַטעווען אַ בעזים, אָדער אַן׳אַלטע לאַפּעטע אַנשטאַט דאָס ווערטפולסטע, דאָס עיקרדיגע און דאָס וועזענטליכע.

אין פערצווייפלונג רופט מען אונז —

צוריק אין געטאָ אריין.

אונזער חברשאַפט מיט דער אויסערליכער וועלט, אונזער קולטורעלע אַסימילאַציע מיט דער אויסערליכער וועלט איז געווען אַ מקח טעות.

איז אייגענטליך שטעהען אין דער געטאָ פאַר אונז נישט געגרייט קיין טישען מיט מערני מלך. די געטאָ האָט איבער זיך נישט קיין הימעל פון וועלכען עס פאַלט מן. די געטאָ קען גייסטיג זיך איזאָלירען פון דער מיאוסער וועלט, אָבער עקאָנאָמיש וועט זי מוזען זיין געקניפּעלט און געבונדען מיט דער מיאוסער וועלט.

און די מיאוסע וועלט וויל אונז דווקא אומברענגען עקאָנאָמיש.

אָט די מיאוסע אויסערליכע וועלט ווייס יאָ דווקא, אז דער עיקר פון אַלע עיקרים איז דאָס שטיקעל פערשאָלטען ברויט, דער עקאָנאָמישער מעמד, דער גוף, די כלי פאַר דער נשמה, קאָן אָהן דעם נישט לעבען, און זיי רייסען ארויס דאָס ביסען ברויט פון אונזער מויל, און זיי רויבען ביי אונז צו די קוואַלען פון חיונה, און רואינירען סיסטעמאַטיש אונזער עקאָנאָמישען מעמד.

און דאָס נעמליכע וועגען דעם געשריי —

צוריק צו דער יודישער רעליגיע.

אוודאי, יעדע עת צרה ברענגט מיט זיך הרהורי תשובה, אָבער דאָס איז לחלוטין נישט קיין ענטפער אויף דער טויט ערנסטער פראַגע, וואָס שטעהט איצט, די פראַגע פון דעם עקאָנאָמישען מאָרגען אונזערען. די פראַגע ווי צו ראַטעווען זיך איצט פון דער עקאָנאָמישער קאַטאַסטראָפע און ווי צו אויפבויען עקאָנאָמיש אונזער מאָרגען.

איז מילא וועגען גיכער הילף, וועגען דער הילף, וואָס איז נויטיג איצט, וועט זי שוין ווי עס איז געגעבען ווערען, מיר זענען גרויסע בריה׳ס אויף אָרגאַניזירען גיכע הילף. די ביטערע דערפאַהרונג האָט אונז פאַר צוויי טויזענד יאָהר געלערנט ווי צו אָרגאַניזירען כהרף עין׳דיגע הילף.

די הויפּט-פראַגע איז אָבער וועגען דעם עקאָנאָמישען מאָרגען אונזערען.

און מיר מוזען זיך פערטראַכטען וועגען איהם.

דער היינט אונזערער, דער עקאָנאָמישער היינט איז צעבראָכען, שערבלעך זענען געבליבען פון איהם אין אַלע פאַשיסטישע און האַלב פאַשיסטישע לענדער.

עס איז אמת, מען קען זיך נישט בעוואָרענען קעגען וואַלד-גולנים, מען וועט אַלעמאָל געפינען מיטלען ווי אַזוי רואינירען אונזער זיכערסטע, אונזער בעשיידענסטע, אונזער איינגעוואָרצעלסטע עקאָנאָמיק.

אָבער מיט אַ געזונדער יודישער עקאָנאָמיק, מוט אַן׳איינגעוואָרצעלטער און בעשיידענער עקאָנאָמיק וועט מען נישט פאַרטיג ווע־ען אַזוי גיך ווי מען איז פאַרטיג געוואָרען מיט דער ריין שטאָדטישער, מיט דער ריין קרעמערישער און מיט דער ריין אינטעליגענטער עקאָנאָמיק.

עס איז איצט קלאָר פאַר אונז, אַז אונזער שטאָדטישקייט איז אַן׳אומגליק פאַר אונז.

די שטאָדט איז קראַנק און זינדיג, די שטאָדט רייצט דעם יצר הרע צו עשירות, צו פּאָפּולאַריטעט, צו לייכטע פרנסות, צו אַ לייכט לעבען און צו גליקען.

די שטאָדט, די גרויסע שטאָדט האָט אונז אַראָבגעפיהרט פון דרך הישר.

מיר זענען געוואָרען ממש אַ פאָלק פון וואונדער-קינדער, עס שווימעלט און גריבעלט ביי אונז מיט בעריהמטהייטען, מיט גרויסע פידעל-שפּילער, מיט בעריהמטע שוישפּילער, מיט גרויסע געלערנטע, מיט גרויסע דאָקטוירים, מיט גרויסע פינאַנסיסטען און מיט אַלע מינים וואונדער מענשען.

יעדער יודישער טאַטע און יעדע יודישע מאַמע טרוימט צו מאַכען פון איהר קינד אַ בעריהמטקייט.

און מיט חלומות אליין בעגנוגענט מען זיך נישט, מען לייגט איין וועלטען, מען קריכט פון הויט, מען קלאַפּט אָן אַלע שוועלען. מען לייהט און מען באָרגט, מען פערפלאָנטערט זיך אין חובות, אַ יודיש קינד טאָר נישט זיין אַן׳אַרבייטענדיגער מענש, אַ פשוטער שטילער יודישער מענש, וואָס אַרבייט שטיל, לעבט שטיל און שטאַרבט שטיל.

פון די זעקס הונדערט טויזענד דייטשישע יודען זענען דאָ בלויז אפשר אַ צעהנטעל איינפאַכע אַרבייטענדיגע יודישע מענשען. די איבעריגע ניין צעהנטעל זענען לויטער גרויסע מענשען, שריפטשטעלער, אינזשינירען, כעמיקער, פילאָזאָפען, היסטאָריקער, פּסיכאָאַנאַליטיקער, ליטעראַטור-קריטיקער, באַנקירען, גרויסע קרעמער, גרויסע אינדוסטריעלער, גרויסע מאָלער און סתם גרויסע מענשען.

און די טבע פון די גרויסע מענשען איז אַזאַ — זיי מעגען זיך זיין ווי קלוין געוואָקסען אָבער אַן׳אָרט פערנעהמען זיי אַ גרויסען. מען דאַרף זיך כסדר אָברוקען כדי צו מאַכען אַן׳אָרט פאַר זיי. מען דאַרף זיך כסדר איינשרומפען, כדי זיי זאָל זיין געראַם.

און פערשטעהט זיך, אַז גרויסע מענשען וואַרפען זיך כסדר אין די אויגען און נישט נאָר די אויגען זענען פערנומען מיט די גרויסע מענשען נאָר אויך אַלע אַנדערע חושים.

אַ גרויסער מענש איז אַ משא און אַ האַלב מיליאָן גרויסע מענשען איז אַ קאָלאָסאַלע משא.

עס איז אַ משא—פאַר אונז אליין און עס איז אַ משא פאַר אַנדערע.

און די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון די גרויסע מענשען ליגען עפּעס נישט פערשלאָסען אין קאַמאָרען. נישט בעהאַלטען, זיי ליגען אָפען, אַלע קענען זיי ממש אָנטאַפּען מיט די הענד, אַלע קענען מיט אַ בלייפעדער זיי אויס׳חשבונ׳ען.

און אין אַן׳עת צרה ווען עס קומט אויף דער אָדער יענער צורר, קען ער לייכט זעהר לייכט זיך דערקלויבען צו די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון די גרויסע מענשען און אונטערמינעווען זיי לייכט.

אַז זיי ליגען אָפען, אָפען פאַר דער גאַנצער וועלט.

אין אַן׳אייגענעם לאַנד וואָלטען מיר נישט געווען בכוח צו טראָגען אויף אונזערע פּלייצעס אַזאַ מחנה פון גרויסע יודען, אַזאַ מחנה פון יודישע וואונדער מענשען.

עס וואָלט געווען אַן׳אומגליק פאַר אונז.

אין דער פרעמד, וואו מיר זענען כסדר גרויס אין די אויגען פון די פרעמדע, איז אַזאַ מחנה פון גרויסע יודען איז אַזאַ מחנה פון יודישע וואונדער מענשען ממש געפעהרליך פאַר אונז.

און אין אַזאַ צייט ווען אַ מיליאָן יודען מוזען נעמען דאָס פּעקעל אויף די פּלייצעס און דעם וואַנדערשטעקען אין דער האַנד און לאָזען זיך זוכען אַ נייעם מקום מנוחה זענען אַלע טויערען פערהאַקט און פערריגעלט פאַר אונז.

יאָ, די וועלט דאַרף נאָך האָבען אַ היבש ביסעל שווערע אַרבייטער. די וועלט האָט נאָך גענוג ערד וואָס וואַרט אויף פלייסיגע מענשליכע הענד. אין אַ סך לענדער וואָלט מען געעפענט ברייט די טויערען פאַר יודישע ערד אַרבייטער, קאַנאַדע דאַרף האָבען ערד-אַרבייטער. אַרגענטינע דאַרף האָבען ערד-אַרבייטער, דרום אַפריקע דאַרף האָבען ערד-אַרבייטער, אָבער פילאָזאָפען, זשורנאַליסטען, שוישפּילער, מוזיקער, מאָלער און סתם שעהנע מענשען האָבען זיי גענוג.

די שטעדט זענען אומעטום איבערגעפּאַקט. די שטעדט איבער דער וועלט זענען פול מיט אַרבייטסלאָזע, די שטעדט זענען פול מיט גאונים, מיט גרויסע מענשען, די שטעדט זענען שלעכט, ביז צאָרענדיג און נערוועז.

* * *

שוין אַ היבשע צייט, אַז מען אַגיטירט ביי אונז פאַר ערד-אַרבייט.

געווען אַ צייט ווען מיר האָבען געלאַכט פון די דאָזיגע פערליבטע אין ערד-אַרבייט, פון די דאָזיגע פּרעדיגער פון ערד-אַרבייט, ווי אַ מיטעל צו געזונד מאַכען דאָס יודישע לעבען און די יודישע עקאָנאָמיק.

מיר זענען געווען פערליבט אין דער שטאָדט וואָס האָט זיך אַזוי פּרעכטיג צעבליהט, וואָס איז אַזוי רייצענדיג און כשוף׳דיג.

מיר האָבען גע׳חוזק׳ט פון די דאָזיגע גוטע און פרומע לייט, וואָס הייסען יודען ווערען פּויערים.

מיר האָבען זיך געוויצעלט איבער זיי.

און געווען ביי אונז היימישע עקאָנאָמיקער, וואָס האָבען בעוויזען באותות ומופתים, אַז ערד-אַרבייט בעצאָהלט זיך נישט, אַז ערד אַרבייט האָט גאָר קיין צוקונפט נישט, און אַז ערד אַרבייט איז סתם נישט קיין עקאָנאָמישער און נישט קיין פּיזישער היילמיטעל.

ביז דאָס פאָלק האָט זיך אליין אַרומגעזעהען.

אין פּאַלעסטינא האָבען קאַנדידאַטען צו ווערען גרויסע יודען און וואונדער מענשען פערלאָזען די שטעדט און זיך גענומען צו דער פערוואָרלאָזטער פּאַלעסטינער ערד, זיי האָבען זומפּען פערוואַנדעלט אין בליהענדע גערטנער און פעלדער, זיי האָבען חרוב׳ע ערד בעדעקט מיט אַ פּרעכטיגען מאַנטעל פון גרינקייט, זיי האָבען אויסגעבויט יודישע דערפער און זענען געוואָרען גוטע יודישע פּויערים.

יוסף שאיא, ווייעלון

צי איז דאָס אַ טובה פאַר א"י?

וואָס ס׳זאָל נישט פּאַסירען אין דער ברייטער וועלט, צו וועלכע פּאָליטישע אָדער געאָגראַפישע אומוואַנדלונגען עס זאָלען נישט קומען, אויב די רעדסט מיט אַ יוד, וועט ער דיך באַלד אַ פרעג טהון: איז דאָס כאָטש גוט פאַר יודען אָדער נישט?

פונקט אַזוי וועלען מיר פרעגען: צי איז דאָס אַ טובה פאַר א"י, אָדער נישט?

אין ארץ ישראל הערשט זייט אַ צייט אַ שרעקליכער טעראָר די מוסטיאַראַבער האָבען זיך גענומען אויף טויט און אויף לעבען אַקעגענצושטעלען זיך די יודישע אַספּיראַציעס.

זיי האָבען ערקלערט אַן׳אויסראָטונגס קאַמף פון „לא תחיה כל נשמה". ווער עס קומט זיי אונטער די האַנד, —מעג עס זיין אַן׳אַלטער, אַ פרוי אָדער אַ קינד, אפילו אַ קראַנקער— יעדער יוד אָהן אויסנאַהם האָבען זיי בעשלאָסען ריקזיכטלאָז אַוועקצולעגען.

דעסגלייכען אַזוי מיט יודיש האָב און גוטס: מעג עס זיין תבואה אויפ׳ן פעלד, פרוכטען אויף די בוימער, בהמות—אַלץ האָבען זיי בעשלאָסען צו פערניכטען און אַ תל צו מאַכען. און נישט נאָר יודען, נאָר אפילו אַראַבער, אויב זיי האַלטען נישט מיט דער דאָזיגער בלוטיגער שיטה און אפילו ענגלענדער, וואָס שטעהן זיי אין וועג — אַלע אונברחמנות׳דיג אַראָבצורוימען פון וועג. דער שריט פון דער דאָזיגער רוצחישער זריעה איז אַ שרעקליכער: טאָג-טעגליך ווערען גע׳הרג׳עט פון אַ בעהעלטעניש אָדער פון אַן׳איבערפאַל יודישע לעבענס, זיהן, טעכטער, טאַטעס, מאַמעס; טאָג-טעגליך ווערען פערניכטעט, פערברענט, פערשלעפּט יודיש האָב און גוטס אין ווערט פון הונדערטער פונט. די ידיעות פון א"י מאַכען אויפציטערן, מאַכען בלוטיגען דאָס האַרץ.

ווערט דאָך נישט איינער טראַכטען, אַז דאָס איז אַן׳אומגליק, אַ שווערער קלאַפּ פאַר די יודישע דערגרייכונגען אין א"י.

זאָגען מיר טאַקי אַז נישט. פּערקעהרט, דאָס וואָס די אַראַבער האָבען אָנגענומען אַזאַ בלוטיגע טעראָר-מעטאָדע, דאָס איז נישט קיין רעה, נאָר אַ טובה פאַר א"י.

ווערט דאָך נישט איינער קוקען פאַר׳חידוש׳ט אויפ׳ן מחבר פון די שורות: הע, וואָס זאָגט ער, איז ער ביי די קלאָרע געדאַנקען?

אָבער מיר זאָגען פאָרט, אַז דאָס איז אַ דירעקטע טובה פאַר א"י, אַן׳אצבע אלקים, פערשטעהט זיך פון יודיש מלוכה׳שען שטאַנדפּונקט.

אַ דאַנק די רציחות מצד די אַראַבער, האָבען יודען איבערגענומען די זיכערהייטס מאַכט איבער אַ טייל פון לאַנד. די צאָהל פון יודישע פּאָליציאַנטען, הילפס-פּאָליציי און נפירים דערגרייכט שוין ביי 10.000 און זייער צאָהל וואַקסט, וואָס עס האָט אַן׳אונגעהויערע בעדייטונג פאַר דער בעהערשונג פון לאַנד, אַ דאַנק די גוואַלד טהאַטען, האָבען יודען אויסגעבויט אַן׳אייגענעם פּאָרט, אויסגעשולט יודישע מאַטראָזען און עס האַלט ביי דער גרינדונג און ענטוויקלונג פון אַ יודישען האַנדעלס-פלאָט און דער כיבוש הים האָט דאָך אַ קאָלאָסאַלע בעדייטונג, בפרט פאַר אַ לאַנד ווי א"י, וואָס גרענעצט זיך לענג אויס מיט׳ן ים. אַ דאַנק דעם טעראָר איז פון זיך זעלבסט געלעזט געוואָרען די אָנגעווייטאָגטע פראַגע פון עבודה עברית, וואָס קיין שום סאַנקציעס און קיין שום יודישע פּיקעטען האָבען נישט געהאַט קיין ווירקונג אויף די רייכע אַרבייטסגעבער, וואָס האָבען בעשעפטיגט דווקא בלויז אַראַבער! זענען געשאַפען געוואָרען פונקטען און ישובים, כדי צו זיכערן און צו בעשיצען די בעדראָהטע ישובים; זענען אויסגעוואָקסען יודישע לאַנדווירטשאַפטען צו בעזאָרגען די יודישע שטעדט

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

צי איז הענריק טאַקי שענער ווי חיים?...

מיט אונזערע יודען וועט מען גאָר נישט מאַכען. עס וועט נישט העלפען קיין איבערצייגונג. זיי זענען פערסמט מיט דער גלות פּסיכאָלאָגיע און פטור.

עס העלפט דאָך נישט דאָס, וואָס מען וויל זיך בעהאַלטען מיט די יודישע נעמען, אַלע ווייסען, אַז מיר זענען יודען און אַלס אַזעלכע בעהאַנדעלט מען אונז. פערקעהרט, היינט איז אַ טענדענץ, אַז מען האָט פיינט מעהר די יודען, וועלכע בעהאַלטען זייער יודישקייט. אין אַ רייהע לענדער פון אייראָפּא גיט מען ארויס געזעצען, אַז יודען מוזען זיך רופען מיט זייערע עכט יודישע נעמען.

אמת. די דאָזיגע געזעצען האָבען אַן׳אַנדערען ציעל. אַ פאַקט איז אָבער, אַז אַזוי איז עס,און צוריק געשמועסט, צו וואָס זיך שעמען מיט׳ן אייגענעם נאָמען פאַר וואָס מוז איך זיך דווקא קליידען אין פרעמדע פעדערען, צו וואָס צוליעב וועלכע טעמים.

זענען מיר דאָך אָבער יודען, האָבען מיר נישט קיין זעלבסטווירדע און נאַציאָנאַלען שטאָלץ און אַנשטאַט דעם ביבלישען נאָמען שמואל, רופט מען זיך גאָר סעבאַסטיאַן.

ס׳איז שוין געקומען אַזוי ווייט, אַז נישט בלויז אין גאַס, נאָר אפילו אין שוהל מאַכט מען הזכרות נשמות מיט אויסטערלישע ריין-אַרישע נעמען און נישט בלויז אין שוהל, נאָר אפילו אויפ׳ן בית הקברות וועקט מען שוין די טויטע מיט יאַצענטי אַנשטאַט יצחק א. א. וו.

און נאָכאַמאָל פרעגט זיך די פראַגע, וואָס האָבען יודען דערפון, וואָס זיי שעמען זיך מיט די אייגענע נעמען און רופען זיך דווקא מיט פרעמדע. שלא שינו את שמם, האָט מען אַמאָל געהאַלטען פאַר אַ גרויסע יודישע מעלה, היינט אָבער קאָן מען דאָס נישט זאָגען.

אפילו היינט, ווען מען גיט בפירוש אָנצוגעהערען, ווען מען בעשטראָפט זאָגאַר פאַר רופען זיך מיט פרעמדע נעמען העלפט עס אויך נישט און דווקא להכעיס, לאָזען זיך יודען רופען נישט מיט זייערע אמת-יודישע נעמען. וועגען פריילייגס איז דאָך שוין אָבגערעדט. מען איז דאָך פשוט איינגעשטעלט מיט׳ן לעבען גאָר אויך מענער אויסער, געוועהנליך, פון דער חסידישער קלאַס ווילען אַלע, אַז מען זאָל זיי רופען אַדאָלף אַנשטאַט אברהם, מיעטשיסלאַוו אַנשטאַט מענדיל א. אַז. וו.

אָט וועל איך אייך דערצעהלען אַ כאַראַקטעריסטישען קוריאָז:

אַ געוויסער חיים ש. אַ יונג, אַ ספּאָרטסאָוויעץ, אַ מיטגליד אין דער טוריסטען-געזעלשאַפט האָט אָבגעגעבען אַ ביטע צום סטאַראָסטווא וועגען אַן׳ערלויבניש איבערצוטרעטען בעת זיינע אויספלוגען אין די בעסקידען די טשעכישע גרעניץ. איז דערפאַר, וואָס ער האָט אויפגעגעבען, אַז ער הייסט הענריק, בעשטראָפט געוואָרען אַדמיניסטראַטיוו מיט 40 זל. שטראָף. האָט ער דאָך אַפּעלירט און אין געריכט האָט דער פערטיידיגער אויפגעוויזען, אַז דער זעלבער חיים—הענריק האָט, בעת ער האָט געדינט אין מיליטער, אויפ׳ן פראָנט בעת דער פּויליש באָלשעוויסטישער מלחמה, אין 1920-טען יאָהר, וואו ער איז אגב פערוואונדעט געוואָרען, בעקומען די ראַנג פון קאָפּראַל, האָט ער אויך פיגורירט אַלס הענריק. אפילו זיין אינוואַלידען-ביכעל איז אויסגעשטעלט אויף הענריק. אַזעלכע און עהנליכע אַרגומענטען האָט דער פערטיידיגער געבראַכט. ער האָט זאָגאַר ציטירט גאַנצע פּאַראַגראַפען פון דער קאָנסטיטוציע און — עס האָט טאַקי געהאָלפען, נאָר אויף 50 פּראָצענט, כ׳מיין דאָס געריכט האָט איהם פערקלענערט די שטראָף פון 40 זל. אויף 20 אָבער בעשטראָפט איז ער, דער אָנטיילנעמער אין דער באָלשעוויסטישער מלחמה, וועלכער איז אפילו געווען קאָפּראַל, יאָ געוואָרען.

נו, זעהט איהר דאָך שוין, רבותי, אַז עס האָט נישט קיין צוועק דאָס גאַנצע נאָכמאַלפּעווען, זיך דווקא אָנצורופען מיט פרעמדע נעמען און נאָך דערצו, אַז די אייגענע נעמען זענען גאַנץ שעהנע און אָנגענעהמע.

כ׳וואָלט אייך נאָך געקאָנט דערצעהלען פערשידענע מעשות וועגען דער דאָזיגער פערקריפּלונג, נאָר ס׳לוינט נישט דער עסק, אונזערע גלות-יודען קאָנען נישט אַנדערש פערשטעהן. דוד המלך, דער גרויסער יודישער אַריסטאָקראַט האָט זיך נישט געשעמט אָנצורופען פּראָסט-פּשוט יודיש דוד, נאָר די אייניקלעך מוזען זיך רופען דאַמאַזי.

נו, זאָגט אליין, איז דען חיים, וואָס די בעדייטונג דערפון איז חיים—לעבען, נישט שענער פון הענריק?...

זיי האָבען האַרציג געלאַכט.

אין דער יודישער נשמה ווערט איינגעקריצט אַ טיפע אייביגע שנאה צום ברוטאַלען היטלעריזם, וועלכער האָט אויף אַ שוידערליכען בעסטיאַלישען אופן געמאָרדעט און בערויבט אונזערע ברידער און שוועסטער, געשענדעט און געברענט אונזערע שוהלען, פערשוועכט אונזערע הייליגטימער און פון אונז געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט. מיר יודען וועלען דאָס אייביג געדענקען, אַזוי ווי מיר געדענקען די שפּאַנישע אינקוויזיציע.

מיר וועלען אָבער אייביג פרעגען

מיט מילכוואַרג, ירקות א. ד. ג., וואס איז געלעגען אין אראבישע הענד, איז תל-אביב געוואָרען יורידיש אונאָבהענגיג פון יפו, זענען געלייגט געוואָרען וועגען און שאָסעען, כּדי צו פערבינדען די יודישע ישובים א. ז. וו.

מיט איין וואָרט: א דאַנק די אראבישע בלוטיגע טעראָר-מעשים האט זיך דער יודישער ישוב, פערפעסטיגט, איינגעוואָרצעלט זיך, בעקומען מאכט כח אנזועהען, געוואָרען אונאָבהענגיג פון די אָראַבער, וואס ביי די וואַקעלדיגע-און ספינקס-טאָקטיק, וואס דער מאַנדאַטאָר איבער א"י פיהרט, ווען די אראבער וואָלטען געפיהרט א לעגאַל-פּאָליטישע, דיפּלאָמאַטישע אָפּאָזיציע, ווער ווייסט, ווען די יודען וואָלטען צו דעם אלעם זוכה געווען.

מיר געדענקען גוט די צייט פון פּראָספּעריטי, ווען עס איז געגאנגען דער בוי אָהן שטערונג. וואס איז געווען? יודען האבען געבויט הייזער און פערלייגט פּרדסים—אָבער נישט מעהר.

יודישע קאָלאָניעס זענען געוואָרען בעאַרבייט דורך אָראַבער; עפענטליכע רעגירונגס-אַרבייטען—אָראַבער; כמעט די גאנצע מוניציפּאַלע און גרעניץ-פּאָליציי—אָראַבער איז געווען יאָ פערטרעטען א מינימאַלע צאהל יודישע פּאָליציאַנטען, זענען זיי אליין ארויסגעטרעטען פון דינסט, ווייל עס האט זיך זיי דער לוין (פון 6 פונט מאָנאַטליך) נישט געלוינט.

די איינציגע פּאָזיטיווע זייט—א פערשטאַרקטע עליה—איז אויך געווען יצא שכרו בהפסדו—נאָך א גרעסערע שטראָם פון אַראַבער, נישט נאָר פון עבר הירדן, נאָר פון די ווייטפּסטע מקומות, וואו עס איז נאָר דערגאנגען די שמועה, אז „יש שבר בארץ“, אז אין פּאַלעסטינע קען מען גוט פערדינען, זעמען מאַסענווייז אריינגעדרינגען קיין א"י. צוליב די שפּעקולאַציע און טייערונג פון באָדען, איז דער באָדען-קויף אויך פּאַראַליזירט געוואָרען.

דאס גאַנצע בויען איז געווען א בויען פון א פתום און רעמסס אויף זאָמד אָהן שום אחוזה, בשעת דער יסוד, דאס גאנצע היגטערלאַנד, דער גאנצער מלוכה'שער און מדינה'שער אַפּאַראַט איז געבליבען פערוואָרלאָזט אין פרעמדע הענד.

די גאנצע ראַדיקאַלע איבערקעהרעניש צום גוטען, האט געבראַכט מיט זיך דער איבערבּרוך פון טעראָר און געוואַלד-מעשים, וואס האבען געצוואונגען צו פּראַקליזירען דעם איבערבוי דורך אַרויסרופען א בהלה און אימת מות,

עס האט אָבער געהאט פונקט פערקעהרטע פאַלגען.

דאס פּראָגרעסענט אונשולדיגע יודישע בלוט האט געשריגען פון דער ערד, אויסגעטריטען די כּאַס-לאַמ מגדל-בבל-בויער, צוטרייסעלט די אלע פאַלשע נביאים פון רודף שלום'ניקעס, וואס האבען איינגעוויגט מיט זייערע שלום-אילוזיעס מיט די אראבער; מען האט זיך דערמונטערט ווי מען האלט און זיך געוונדען צום קרבנות'פולען הערטען קאַמף פון א פאַלק, מיט בלוט, צייהען און נעגעל צו ערבאָבערן און זיך אנצוקלאַמערן אין די אלע סטראַטעגישע פּאָזיציעס וואס פיהרען צום ציעל.

און מיר וועלען נאָך געהן ווייטער און זאָגען: די אלע שוידערליכע און הארצרייסענדע געשעהעניסען פון די גלות נעגען זיך, ווען מען זאָל זיי זעהען פון ענגען סטאַנדפּונקט פון בנין הארץ, מוז מען זאָגען, אז דאָס אלעס איז געווען אומזיסט. פון דעם אלעם וועט ארויסקומען א טובה פאַר ארץ-ישראל.

די גרוילזאַמע געשעהעניסען האבען אויפגעטרייסעלט דאס געוויסען פון די פעלקער און עס בווינגט זיי מקיים צו זיין די באַלפור-דעקלאַראַציע פון שפּעטען א נאַציאָנאַלע היים פאַר יודען אין א"י דאס שטיקל זיין צו עפענען די טויערן און אריינצולאָזען א מיליאָן גרויסע צאהל פּליטים און בענאַבצוגע יודען קיין א"י וואס וועט געבען א שטויס פאָראויס דעם בנין הארץ.

פון דער צווייטער זייט איז דאס א מין „חרב מתהפכת“ וואס פּאַטשט איבער די קעפּ פון די אלע, וואס דאַכט זיך זיי, אז זיי טוהען א לאַסטע און א טובה א"י מיט זייער דאָרט זיין, ממילא קומט אויס, אז אויב עס געהט נאָר נישט אזוי גלאַטיג אין-ווילנע על משה“, קוועקלעקט מען זיך און מען האט פּרעטענסיעס צו א"י...

דאס איז פאַר אזעלכע אַנ'איסניק-טערונג, זיי זאָלען וויסען, אז די וואס קומען קיין א"י ראַטעווען זיך פון א גהנום פייער, וואס ברענט ארום און ארום זיי קיין צוריק איז נישטאָ, זיי זאָלען וויסען און צו שאַצען אין אבגושאַצען די מצמע א"י, די טייערע היימאַט און זיי זאָלען האלטען אין פּייער און וואַסער.

ווייטער איז דאס א טרויעריגער פּערספּעקטיוו פאַר די אלע, וואס האבען נישט קיין שליש איבער זייערע געלד-זאַק צו ספּענען פאַר דער אונטער-שטיצונג פון די נאַציאָנאַלע פאָנדען,

גלייכוועטלעך פון דער סדרה

פון יחיאל טשענסטאכאווער

ויגש

ועתה אל תעצבו ואל יחר בעיניכם כי מכרתם אותי

עס שטעלט זיך א פראַגע: אויפּעל יאהר זענען שוין אַדורך, ווי די ברי-דער האבען פערקויפט יוסף'ן און האבען קיין חרטה נישט געהאט, וואס פאַר אַ פּלוצים יעצט יוסף זיי געטרייסט: אל תעצבו—כי מכרתם אותי—האט נישט קיין עגמת נפש וואס איהר האט מיך פערקויפט, פונקט אין דער צייט, ווען זיי האבען איהם געזעהען אלס שני למלך און געברוכט צו זיין צוזורידען דערפון? נאָר ווי עס ווייזט אויס איז דער פּשט אזוי: יוסף האט געזעהען ווי די ברידער האבען געגומען צוזאַג-ציג שקלים פון די מדינים פאַר איהם, האט ער געזעהען די גרעסטע זיידען, זעכ-הענדיג, יוסף'ן אלס שני למלך וועלען די ברידער האבען עגמת נפש פאַר וואָס זיי האבען איהם אזוי ביליג פערקויפט. מילא אלס עבד איז צוואַנ-ציג שקלים געווען, אָבער אלס משנה למלך האבען זיי דאָך געקענט בעקו-מען טויזענדער שקלים, דעריבער האט ער זיי געטרייסט זאגענדיג: כי למחי' שלחני אלקים לפניכם—דאַדורך וואס איך בין דא, וועט איהר פערטייטרען און האבען פרנסה.

אל תרגזו בדרך

אל תתעסקו בדבר הלכה, איהר זאָלט נישט לערנען אויפ'ן וועג (רש"י)

יוסף האט געוואָרענט די ברידער, אז זיי זאָלען נישט לערנען אויפ'ן וועג צוריקגעהענדיג פון מצרים בכדי זיי זאָלען זיך נישט אויפרעגען און ארומקריגען צווישען זיך, פאַר וואָס האט זאָלען יעקב נישט אנצאַ-זאגען זיינע קינדער ביים געהען נאָך מצרים? דער תירוץ קען זיין אזוי: מיט פערציג יאהר צוריק איז מען מלא-וואָ געווען א גרויסע מחלוקה וועגען רבנות און צוליב דעם איז דאָרט גע-

ווען אַ טליכע וואכען דער קוטנער גאון הרב ר' יהושע'לע ז"ל. געוואוינט האט דער רב ביי איינעם פון די מלאווער גבירים ה' ווארשאבסקי, וועלכער האט געהאט א זוהן א יונגען בחור מיט'ן נאָמען ליבל. דער בחור ליבל האט זיך פיעל אָבגעגעבען מיט ר' יהושע'לען ז"ל, איהם משמש געווען, און ערלדיגט אלעס, וואס דער רב האט נאָר געדאַרפט. וואָן ר' יהושע'לע האט געוואָלט פערזעהערען, האט ער זיך געזעגענט מיט אלע קרובים און צוגעוונשען ליבל'ען ער זאָל טהון א גוטע שידוך. אויף דער פראַגע פון בחור פאַר וואס ער ווינשט איהם נישט, דאס ער זאָל זיין א גדול בתורה, וועלכעס וואָלט בעסער גע-פּאַסט פאַר אַזאַ גאון האט דער רב געענטפערט: שוין עטליכע וואָכען ווי איך בין דאָ, האָב איך דיך נאָך נישט געזעהען לערנען, פערשטעה איך, אז האט איז נישט ביי דיר אזא וויכטי-גערסטיקל, דאגעגען טהון א גוטער שידוך, בעקומען א גאָלדענע זייגער, וועלכער בחור האט דאס נישט קיין חשק צו? דעריבער האב איך דיר דאָס געוונשען. דאס זעלבע איז געווען דא—יעקב האט געזעהען, דאס זיינע קינדער האבען נישט קיין חשק צו לערנען אין דער היים, איז ער זיכער געווען, אז אויפ'ן וועג וועלען זיי אוודאי נישט לערנען, דעסהאלב האט ער צו מאכען דערויף. אנדערש אָבער איז יוסף, ווען ער איז געווען פון זיי אוועק האט ער זיי געלאָזט א חדר און ער האט זיך געוועהנט צו לערנען, האט ער זיי געבעטען אל תרגזו בדרך.

ויביאו את מקניהם אל יוסף

ווי נאָר עס איז אין יאהר 1937 ארויסגעגאַנגען דאס שחיטה-גזירה האט אין פּ"ן א יודישער קצב געב-ענט א זאַקען און אנגעלעגט פער-קויפט חזיר-פליש. דער רב האט גע-שיקט נאָך דעם קצב און גזואגט: אין דער תורה שטעהט: ויביאו את מקניהם אל יוסף—די מצרים האבען געבראַכט זייערע פיה צו יוסף'ן, ער זאָל זיי געבען דערפאַר תבואה, פאַרוואס שטעהט נישט דערמאָנט, אז זיי האבען אויך געבראַכט חזירים, נאָר ווי עס ווייזט אויס האט יוסף לא יוכל נישט געוואָלט האנדלען מיט חזיר און דע-ריבער נישט געגעבען דערפאַר קיין תבואה. יעצט האט דער קצב געזאגט

צום קצב, ווען דו, אלס יוד, האנדעלסט יאָ מיט חזיר, וועלען דאָך די מצריים רופען יוסף'ן צו א דין-תורה, פאַר וואס ער האט נישט געוואָלט פון זיי אָבקויפען די חזירים.

ווילקט יוסף את כל הכסף הנמצא בארץ מצרים

אין א קהלה אין קיעלצער וואָיע-וואָדשאַפט האבען די דאָזיגע ארויס-געלעגט אויף די גבירים א געהעריגען עטאַט. א געוויסער טייל פון די געגידים האבען געשיקט א מסירה אין די היכּל פעגסטער אויפ'ן ראַבינאַט און ראשי הקהלה, געגעבען צו פאַר-שטעהן, אז די מקוה, שחיטה און אנ-דערע רעליגיעזע אינסטיטוציעס זענען אַנ'איבעריגער און נישט-נוצליכער פאַר-מעגנס. די כוונה זייערע איז געווען, אז מען זאָל זיי דעם עטאַט פערקלענערען. איינער פון די היגע אנגעזעהענע בעלי-בתים האט צו זיי געזאגט: איך וועל אייך דער-צעהלען, מיט וואס נאָר אייער מסירה געוועהנט פערגלייכען: עס איז א יודישער שני למלך, האט ער זיך געלייגט גענומען צו פערגרעסערען די שטייערען, דער ערשטער איז געווען יוסף: ווילקט יוסף את כל הכסף הנמצא בארץ מצרים—יוסף האט איינגעזאמעלט דאס גאנצע געלד פון די מצרים פאַר שטייערען, דער צווייטער איז געווען מרדכי אין אחשורוש מלך מס על הארץ: ישם המלך אחשורוש מס על הארץ: זענען געליך אין שושן אייגעגאַ-געוואָרען פאַדעשטעגט. וועגען, אז דאס איז מרדכי'ס געבען, אויב נישט דעם יוד מרדכי? דאָך, איז ענטפער זעהען מיר, אז קיינער האט נישט געהאט קיין פּרע-טענסיע, נישט געשיקט קיין ברויגעס, וואָ ערגער איז דער קהלה גערוטען נאָר צו זעהן, פאַרוואס זאָל אונזער קהלה זיין אנדערש? דער חילוק אָבער איז, דער קהלה ווייניגער געלד, דען נישט יודען, פאַר פּרעה'ן און אחשווירוש'ן, איז יעדער געווען צופרי-דען פון גוטווילינג צו בעצאהלען, אנדערש אָבער איז דא, ווי דער קהלה עטאַט געהט אויסשליסליך פאַר יודישע צוועקען, מוזן איהר משטן זעהען צו טהון דאס, וואס איהר טהוט, איז דאס געלד זאָל אין יודישע הענד נישט אריינ-קומען.

א שנאה צוליעב אונזערע קליי-נע אונשולדיגע קינדערלעך, וועלכע זענען צוגליך מיט די נרויסע פער-פאָלגט און פערייגט געוואָרען. עס די אונשולדיגע שעפּעלעך, וועלכע וואייסען נישט דעם טעם פון חטא, פאַרוואס פייניגט מען זיי.

יעדע מאָל, ווען פאַר מיינע אויגען געהט אַדורך דאס בילד פון גירוש אשכנז, און ווען איך דערמאָהן זיך דאס גרויליגע בילד וואס איך האָב געזעהען אין זבאָנשין, זעהט איך אונז די קינדער, די הארציגע עופּה'לעך קי-נדערלעך מיט די פּייערלעך אין די אוי-גען, וועלכע קוקען תמימות'דיג אין דער וועלט אריין און וויסען גאָר נישט צו פערגעלטען. עס דאס אונ-שולדיגע בלוט פון די קליינע יודישע קינדערלעך און שטעכען פאַרדער קינדערלעך.

צווזאַמען מיט די עלטערען וועלנע-רען די עראָם איבער די קינדערלעך אין גלות, שלאָפען אויף פרעמדע פעלד-נערט און מאכען מיט דעם גאנצען גיאונס.

דער הינגער הילפּס-קאָמיטעט האט איינגעאָרדענט א ספּעציעלע חנוכה-אוטנע פאַר די קינדער. ס'זענען מקני געקומען אייך די גרויסע. עס זענען אָבער האט עס געהייסען, אז די פּיי-ערלעך ערשטען א געוויינטען ספּעציעל פאַר די קינדער פון גלות.

דער חזן כאַלטאָווייעס האט זאגען זענען: כל הנרות האלו קודש הם. דאן האט א האַרמאָניע צוזאַמענגעשטעלט. מיין וויינטשאָפּט האט אויך דעקלאַמירט, דאן

האבען די קינדער בעקומען נאַשוואַרג און א לעבנעגערע צייט פון זייערע שלעכטע.

אקענען וואס דערצעהלט איך אייך דאָס? קענען דעם, וואס אויף דעם דאָ-מאָלס ווינט איז וואָס איך האב מיט פערגעסען: מאָל זינגט די ווען אַרויסטערבעריעבען געוואָרען געהערט פון די קינדער לעכבע. זיי האבען געזעהען מיט הארציגער פריער פאַר די וואָס איך האבע נעקלינגען און די הערליכע מוזיק אין מיין נשמה. זעהטסטו, האב איך מיט גרויס אינטערעסע געפיהלט מיינס א פריינד, די קינדערלעך, וועלכע פיהלען שוין צווי די גרענעדיג פון יודישען גלות האבען אויף די לעבען מיט צרות און וואס פאַר א לאנגע וויזע ווען אין דעם לעבען, און דאמאלס האט זיך אנגעצינ-דען די פייערלעך אין מיין נשמה די נידערגעטרעטענע רשעים, וועלכע האבען גורם געווען, אַז קינדער זאָלען פיהלען דעם פאַרטריבען. און דאַנקי-באַר בין איך געווען דעם הילפּס-קאָ-מיטעט, אייגעהערט דעם אינציאַטאָר פון דעם אַוונד, דעם ה' מיכאל רו-זעווייגען, אַ דאַנק וועמען די טייערע הארציגע יודישע קינדערלעך האבען באַטען די הארציג געלעכט.

מי כעמך ישראל...

פערזעהן, איך מוז גאַנען מיין ווי-לען קומען ממליך זיין אויפ'ן פאַלק ישראל.

פאַר די חנוכה ווען זענען זענען צוליעב געווע-סן סיבות נישט געווען קיין פיקעטען. מילא, האט מען אונז פערשאַרפט עגמת נפש אין בטוח-צפּיה, נאָר ווען די ערעת זעגען אין אריינגעקומען נגון נישע-

קשה'דיגע פיקעטען.

זיי ווייסען אָבער פאַר די חנוכה, אנ-ערך דאַנערשטאָג, פרייטאָג, ווען די מרעסט האבען א ביסעל אָבגעלאָזט, זענען זיי ווען מאכען זיין גאַנצעם געלד אָנטראַגען צו ליווען. אייז שוין איידער מען קוקט זיך ארום, אין די פרייטאָג צו ליכט-צינדען און די גרע-סערע מאַכט. געשמוסטער זענען וועלכע גע-פּערמאַכט. קענען זיך די קונים: גיט אונז סחורה. דערבאַרימט אייך — איז שבת — איז געקומען דער גענ-עס... און די פאַר לאָדענט זענען זענען פאַר-מאַכט געוואָרען, ערשט צומאַרגענס שבת נאָך הבדלה, האט מען צוריק גע-עפענט, נאָר אויף א קורצער צייט, ביז 6 אזייגער.

צי וואָלט אנ'אַנדער פאָלק איבערגע-געוואַגען אזא קרבן? נאָר מען זאגט, יודען זענען בעגעלד-טאָנער, אז זיי וועלען צוליעב געלד פערקויפען זייער טאַג. דאס איז אָבער א פאָלקסבעגרינער ליגען. יודען קאָנען נישט בלויז זייער געלד. נאר אפילו זייער לעבען מקריב זיין פאַר זייער רעליגיע. והראיה, דער פייער פאַר ישראל געביטען פאַר פרייטאָג. אַ דאַנק וועמען די טייערע בער זענען געווען פול מיט קונים איז אָבער ווען ס'איז געקומען זמן פון ליכט-צינדען האט מען מוותר געווען אויפ'ן גאַנצען פדיון און פערמאַכט די געוועלבער.

מי כעמך ישראל...

אַנשטאַט חנוכה-געלד—אַ גוויזודקעס

ס'זענען אָבער אויך פערהאַנען יודי-שע עלטערען, וועלכע ווילען זיין מען צו פאַר פון פאר עס דאנקען די ער-ע די זיע קינדער איז איז אייניקלעך, וועלכע

רעדען בלויז פּויליש, זייו צו דערצעה-לען, ווען זיי דערמאָנען חנוכה געלד, נאָר הינט זעט איז מגהג פון חנוכה מען מיט די חנאות, גיט מען די קינדער „גוויזודקעס“.

איך האב עס גופרוגע א קינד, אַנ'אייניקעל פון א שוהל-גבאי: זאָג מיר, וואס האט דיר דיין זיידע געגעבען חנו-כה-געלד? האט דאס קינד ווער גוטען אויף מיר מיט פערוואונדערוגגע אויגעלעך, אזוי ווי כ'וואָלט צו איהם גערעדט אין כינעזיש, ווען איהם ס'האט זיך צווייטעם און ער וואוין ניט-וואָאַד-קעט האט ער אַהב געבראַכט קאַנפעקטען ווען נאָך און ער האט געקומען — ווען דאס קינד ערשט אויפגעבלאָזט און פאַר פרייטאַג מיר דערצעהלט און אויס ערצעבען א מיט דער הייליגער מתנות דער דאשעדער איבטי האט ער אלס גע-קומען.

דאס איז דאס דאכען וואס מיט די יודישע נשמות: מיט איינגעטאַמדע קען זיך און מען פערזעהט צייט פון אויף מירען ווי געראַדע די אויף יודי-שען יום טוב, וועלכער דערצעהלט וועגען יודישער גבורה און העלדענמוט. יודען שבע האט דער גמרא גאָנען צו ער דער דערשיידם א קינדער די קינדער און אייניקלעך נישט דערצעהלט מען האט שטאַט דעם דערצעהלט מען און ערמאַכט די גוויזודקעס.

17 אחדותניקעס אין 3 יודען...

צום אויפגאַנג פון די וואַהלען צום שטאַדט-ראַט האט פּראָטאָגרושענט גרויס אויפרען צווישען אלע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקערונג. קודם כל האט זיך שאַרפגעזויגט די

ענדעקעס האבען געלייטען א שווערע מפּלה, דער זייער די יודישע בעפעלקע-רונג ערשטעגס צוליעב'ן אויסגאַנג פון די וואַהלען אויף דער יודישער גאַס, דאס איז דער דאָזיגע זאַך סענסאַציע.

אויף וויפיל קייגער האט זיך נישט נערכט, די גאנצע בירגערליכע יודישע בעפעלקערונג פון דער גרעסטער יודי-שער קהלה איז אייראָפּע האט אָדורכ-געפיהרט ווערנען די דרייע ראַטמאַנען אויף וואַלען פון 17 ראַטמענער.

אמת, דער דאָזיגער אויסגאַנג איז צו פערדאַנקען די נישט-קלאָרע פּאָליטיק פון די אגודה'ניקעס אוּן די ציוניסטישע פער-שלוס, וועלכע האבען גענומען אויף זיך אויסנאנשטאַנצט יודישע אחדות און אנשטאט אלע יודען צו פערייניגען אין א גרויסע צייט פאַר יודען געהען צוזאַמען געגאַנגען מיט א מחיצה צווישען יוד און יוד, איז געקומען דאס לעבען און האט זיך געבליבען א שפּרוך. דאס ערשט איז געווען דער לעצטער נאָטיץ, אין וויפיל צו געקומען געווען.

פערשיעדענע זענען אויסגאַנג פון די וואַהלען לויט דער אָבשאַצונג פון א אייניג יודלען, דער לעצטער, אין וואַרשה, איז גאָר קלאָר איינגע-קריגען: 17 אחדות'ניקעס, 3 יודען. צו די אויפגעוועהלטע יודישע ראַטמענער האט ער עס צווי אינ-טערפּעלאַציעס: עס זענען - זאגט ער - אויסגעוועהלט געוואָרען 17 אחדות'ני-קעס און 3 יודען...

לויתן

געדענקט! היי-יאהר ווילט מען זיך ערשט דעם 7 יאנואר אויף דעם גרויסען באל אין יודישען גימנאזיום

ווי סוחרים לערנען זיך די קונסט פון האנדעל אין סוחרים-חדר

מיט צירקא 9 יאהר צוריק, ווען ס'איז אויף די שפאלטען פון דער „טשענסטאכאווער צייטונג" בעריהרט געווארען די פראגע וועגען ארגאניזי-רען קורסען פאר סוחרים, בכדי זיי ווי געהעריג אויסצושולען און בעקענען מיט דער קונסט פון מאדערנעם האנ-דעל, האט זיך דאס יעדען אויסגע-דאכט אלס הוילע פאנטאזיע אדער סתם אוטאפיע. מען האט זיך גע-שמועסט: ווער ברויך עס? צי זענען יודען שלעכטע סוחרים? מיר זענען דאך עפעס אלטע סוחרים פון דור-דורות, וועלכע האבען א טראדיציע אונטער זיך. זענען דאך די ערשטע סוחרים נאך געווען יעקב אבינו'ס קינדער. דער האנדעל איז נאך דע-מאלס בעשטימט געלעגען אין די וויקעלעך, ווען די קינדער פון יעקב, פון אונזער אייגענטליכען אור-שטאם זענען געווען געניטע סוחרים איברי-גענס איז עס דאך שוין דעמאלס גע-ווען זייער פרנסה קוואל און יניקה. ווי עס דערצעהלט אונז די געשיכטע האבען זיי געהאנדעלט מיט באלזאמען און וואס עס האט זיך געלאזט.

אויך אין די צייטען און דעם יודי-שען מלכות האבען יודען זיך הויפט-זעכליך פערנומען מיט האנדעל, מא-כענדיג פערשידענע טראנזאקציעס מיט די פעניציאנער און גריכען, שפעטער אין משך פון גירושים אין די גלות-לענדער זעהען מיר די יודען אלס די טרעגער און פערשפרייטער פון האנ-דעל, אזוי אין שפאניען ווי אין אי-טאליען, אין פארטוגאל און אין הא-לאנד.

אויך ביי אונז אין פוילען האבען יודען נישט ווייניגער מיטגעווירקט צו דער פערשפרייטונג און פאפולאריזירונג פון האנדעל. דאס, וואס דער האנדעל געפינט זיך ביי אונז אויף א געווויג הויכען ניוואָ איז אין א גרויסער מאס צו פערדאנקען דער יודישער איניציא-טיוו, מיה און אינטעליגענץ.

די צייטען האבען זיך אבער גע-ביטען. אמת, דער סוחר איז ווייטער נויטיג. ער מוז אבער זיין צוגעפאסט צו די פאדערונגען פון דער צייט. עס פאדערט זיך איצט א מאדערנעם קויפ-מאן, וועלכער זאל ענטשפרעכען די בעדערפענישען פון היינטיגען לעבען. דאס איז איין סיבה. צווייטענס קלויבען זיך די קריסטליכע סוחרים אריינ-צוטראגען א געזעץ-פראיעקט לויט וועלכען עס זאל פערוועהרט ווערען אהן א האנדעלס-דיפלאם אדער האנ-דעלס שול בכלל צו פיהרען וועלכעס עס איז געשעפט. אויב דאס אויבענ-דערמאנטע זאל אדורכגעפיהרט ווערען, וואלט עס געווען א גרויסער קלאפ פאר'ן יודישען האנדעל און סוחרים טום.

דעריבער איז גאר וויכטיג די איניצ-יאטיוו פון היגען סוחרים פעראיין און לעצטענס פון קליינהענדלער-פערבאנד, וועלכע זענען צוגעטרעטען צו דער ענערגישער ארבייט און ארגאניזירען האנדעלס קורסען.

מיר מאכען א בעזוך אויפ'ן האנ-דעלס קורס ביים סוחרים-פעראיין. דער גרויסער זאל פון פעראיין, וואו די לעקציעס קומען פאר, איז איבערפולט. מיר זעהען דארט פערשידענע שיכטען פון היגען סוחרים'טום, אלטע קוואלי-פיצירטע סוחרים און כמעט אלע אנגע-שטעלטע פון די היגע געשעפטען. יו-דען בעבערד'עלטע, בעפאה'טע און סתם יונגעלייט. מען זיצט פערטיעפט אין די ביכער און קאיעטען און מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט הארכט מען זיך צו צו די פארלעזונגען און לעקציעס פון די פראפעסארען. אזעלכע שילער, וועלכע זאלען זיך אזוי פליי-סיג לערנען טרעפט מען זעלטען. יע-דעס ווארט ווערט איינגעשלינגען, ער-קלערט דער לייטער פון די קורסען פראפ. מארגולעס. מען מוז אויסנוצען די 4 חדשים בכדי זיך ווי געהעריג אונטערצוריכטען צו זיין א גוטער און היינטצייטיגער סוחר.

די קורסען קומען פאר דריי מאל וועכענטליך—דיינסטאג, דאנערשטאג און זונטאג אוונט. דער אינטערעס צו די קורסען איז א געוואלדיגער. יעדען טאג ווענדען זיך פרישע רעפלעקטאנ-טען, אבער זייער ביטע ווערט ליידער אבגעווארפען, ווייל דער זאל איז צו ענג פאר אזויפיעל פערזאן. לויט אלע ווארשיינליכקייטען וועט ארגאניזירט ווערען א פרישער קורס.

די פרעלעגענטען אויף דעם קורס זענען די ה"ה: דיר. מארגוליעס, אינזש. מארקאוויטש, אדוו. האסענפעלד, אדוו. קרויסקאפף, מגר. קראמאלאווסקי, ד"ר מערינג און ס. מארקאוויטש.

דער לעהר-פראגראם איז זעהר א רייכער עס ווערען געגעבען לעקציעס וועגען אלעם וואס עס האט א שייכות צום האנדעל אוןווירטשאפט. מיר בע-קומען א דאנק דעם קורס נייע קאד-רען פון אויסגעשולטע פאכמענישע סוחרים, וועלכע וועלען פארטזעצען דעם ריהמפולען יודישען האנדעלס-גייסט.

ע. יאקובאוויטש

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון ארטיגען קליינהענדלער - פערבאנד

זונטאג פארמיטאג, איז אין זאל פון „מכבי" פארגעקומען, ביי א פול-געפאק-טען זאל, די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון ארטיגען קליינהענד-לער-פערבאנד.

פרעזעס אדאלף עפשטיין עפענט די פערזאמלונג און דערביי האלט ער א לענגערען רעפעראט וועגען דער עקא-נאמישער לאגע פון קליינהענדלערטום בכלל און פון יודישען קליינהענדלער בפרט אין אנבליק פון דער איצטיגער סיטואציע.

ה' עפשטיין גיט אויך אנ'איבערבליק וועגען דער 20-יעהריגער טעטיגקייט פון דער היגער קליינהענדלער-ארגאני-ציע און ווינשט, אז דער יודישער קליינהענדלער, וועלכער ווערט פער-פאלגט פון אלע זייטען, זאל קאנען אויסהאלטען דעם שטארקען דרוק און ערפאלגרייך קאנען דערפילען זיינע אויפגאבען.

צום סוף בעט נאך דער רעפערענט צו בעעהרען מיט אויפשטעהן די פער-שטארבענע קליינהענדלער-מיטגלידער.

ביים וועהלען דאס פרעזידיום קומט פאר א שטיקעל אינצידענט. די אפאזי-ציע, וואס האט זיך געשאפען אויף דער פערזאמלונג מצד די מארק שטע-הער האבען געוואלט זייער פארזיצער. עס ענטשטעהט א טומעל און נאך א קורצער צייט ווערט ענדליך געשאפען א פרעזידיום פון: משה פישאף — אלס פארזיצער, א. נירענבערג, י. ווגוק — אלס בייזיצענדע און אלס סעקרעטאר — א. אפמאן.

דעם טעטיגקייטס-און ציפערן-בעריכט גיט אב דער דירעקטאר פון פערבאנד ה' מאנעטא. דער פערבאנד צעהלט 587 מיטגלידער. עס זענען פארגעקומען 2 וואיעוואדישע זיצונגען, איין פער-זאמלונג מיט די שטייער-אמטען, 7 אינפארמאציע-פערזאמלונגען, 29 פער-וואלטונגס זיצונגען, 9 פרעזידיום זיצונ-גען און 17 סעקציע-זיצונגען. עס זענען אויך ערלעדיגט געווארען 466 קארעס-פאנדענצען. ס'זענען בעלייגט געווארען 9 פראיעקטען פאר דער האנדעלס-קאמער וועגען פערשידענע ענינים. דאן זענען אויך פארגעקומען אלגעמיינע אינטערווענצען אין דער צאהל פון 24, אינדיווידועלע אינטערווענצען — 401. אויך זענען ערטיילט געווארען יורידישע און פאכמענישע עצות אין דער צאהל פון 947. אויפ'ן יאהר 1938 זענען אויסגעקויפט געווארען 291 פאטענטען, פון זיי זענען 165 אויסגעקויפט געווא-רען דורך אהן-פראצענטיגע הלוואות און גאנץ אומזיסטע איבער 30. עס זענען אין משך פון יאהר געשריבען געווארען 911 ביטעס, אדוואלאגיעס א.א.וו. דער פערבאנד האט אויך 57 זאכקענער אין די שטייער-אמטען. דער פעראיין האט געפיהרט אנ'אקציע פאר די טאבאק-קאנצעסיעס א. אז. וו. דער קאסע-בעריכט פון 1938 שטעלט זיך פאר פאלגענד: הכנסה 3987.13 זל., הוצאות 3972.17 זל.

צום סוף לעגט פאר דיר. מאנעטא א בריעף פון דער צענטראלער פער-וואלטונג, וועלכע ווינשט דער ארטיגער אבטיילונג הצלחה אין איהר ארבייט.

ד. פיליפאוויטש גיט אב א בעריכט פון דער קהלה טעטיגקייט. ער דער-צעהלט, אז אין די פוריגע יאהרען האט די קהלה לייטונג אנגעפיהרט מיט פערשידענע ווינטער-אקציעס פאר ארי-מע. לעצטענס אבער, זינט עטליכע דאזארעס פון דער אפאזיציע פיהרען א סאבאטאזש אקציע, ווערט די נויטיגע הילף וויינינגער.

דעם בעריכט פון דער גמילת חסדי-קאסע גיט אב ה' טאפאר. ביים צוזא-מענשליסען ביידע קאסעס אין יאהר 1937 האט דער קאפיטאל בעטראפען 2.143.34 זל., ביים היינטיגען טאג בע-טרעפט דער קאפיטאל די סומע פון 8241.47 זל.

הלוואות זענען ארויסגעגעבען געווא-רען אין משך פון יאהר 150. די הלוואה ווערט ארויסגעגעבען דעם זעלבען טאג, ווען עס ווערט אבגעצאהלט די לעצטע ראטע פון דער פאריגער הלוואה.

אין דער דיסקוסיע נעמען אנטייל די ה"ה: פייגע, זיידמאן, דאנקאוויטש, רענקסאווסקי, ליבערמאן, לובלינסקי און אנדערע.

די אפאנענטען ענטפערט אב פרעזעס עפשטיין און רופט צום סוף אלע מיט-גלידער, אז זיי זאלען זיך שטעלען צו דער ארבייט, וואס ס'וועט גורם זיין, אז די קליינהענדלער ארגאניזאציע זאל זיין שטארק און געזונט.

נאכדעם ווי עס ווערט אדורכגעלזען דער בעריכט פון דער רעוויזיאנס קאמי-סיע ווערט אויסגעדריקט צוטרויען דער אבטרעטענדער פערוואלטונג.

דער בודזשעט אויף דער סומע פון 6,650 זל. ווערט אנגענומען.

דאן ווערט פארגעלייגט דורך דער פערמאנענץ קאמיסיע פאלגענדע ליסטע צו דער פערוואלטונג, וועלכע ווערט מיט א מערהייט שטימען אנגענומען. אין דער פערוואלטונג: א. עפשטיין, ד. פיליפאוויטש, ה. טאפאר, מ. אלט-מאן, צ. פיינער, ח. פרייערמויער, מנשה יאקובאוויטש, משה יאקובאוויטש, א. מידלאזש, ז. בארנאוויטש און ע. פישאף.

אין דער רעוויזיאנס-קאמיסיע: א. נירענבערג, ש. ניימאן, מ. גראנעק. אין עהרען געריכט: יצחק שטרויסבערג, מ. שענקארסקי, י.מ. ראטענבערג, ש. פרע-זעראוויטש און ג. גליקסמאן.

גמילת-חסדים - קאסע: וו. סקארופע, י. פרידמאן, ד. לובלינסקי, מ. זיידמאן, י. ווגוק און ה. טוכמייער.

דערמיט שליסט דער פארזיצער די פערזאמלונג.

פון דער שטאדט-שוהל

ווי מיר ווערען געוואויר וועט דעם היינטיגען שבת אין דער שטאדט-שוהל געדאווענט ווערען מיט'ן כאר.

פערהאלטען א פערדעכטיגען פערשוין

דורך דער פאליציי איז אויף פיל-סודסקי גאס פערהאלטען געווארען א פערדעכטיגער פערשוין, וואס האט זיך פארגעשטעלט אלס לודוויק טשאק פון ראדאמסק. ביים פערהאלטענעם האט מען געפונען אנ'אונלעגאלען רעוואל-ווער.

סיום און חנוך התורה אין „אחדות-ישראל"

פוריגען מאנטאג איז אין אייגענעם לאקאל פון „אחדות ישראל" פארגעקו-מען א סיום און חנוך-התורה-פייערונג. אנגעהויבען צו שרייבען דאס ספר האבען זיי צוזאמען מיט דער ענטשטע-הונג פון דעם מנין ביי דער רעליגיע-זער גרופע פון דער נייער ציוניסטישער ארגאניזאציע „אחדות ישראל". דאס פערענדיגען שרייבען די תורה האט זיך פערוואנדעלט אין אנ'אייגענארטיג יודיש רעליגיעזער שמחה.

נאכדעם ווי יעדער ארויסגערופענער דורכ'ן גבאי שרייבט אנ'אות צו דער פערענדיגונג פון ספר, גראמט איהם אן דער בדחן אברהם כאסקעל און א מו-זיק קאפעלע שפילט-צו צו א טענצעל. נאכ'ן פערענדיגען דאס שרייבען די אותיות איז פארגעקומען א באנקעט, אין וועלכען עס האבען אנטייל גענומען מעהרערע פערזאנען און פארשטעהער פון פארטייען און ארגאניזאציעס.

נאכדעם ווי דער עולם לעהנט זיך אונטער דאס הארץ מיט גשמיות ווי: פיש, פלייש און אנדערע מאכלים נעמט מען זיך צום רוחניות. אלס ערשטער האלט א גייסטרייכען רעפעראט אין נאמען פון נ.צ.א. פראפ. ב. וויינבערג. ער אנאליזירט געגוי די קאלאסאלע בעדייטונג פון יודישען גייסט, וואס — נישט קוקענדיג אויף די שווערע לאגע, אין וועלכער מיר געפינען זיך — פער-נעמט מען זיך דאך מיט אזעלכע „נארישקייטען" ווי שרייבען א ספר תורה.

עס בעגריסען נאך די ה"ה: יצחק שפראסבערג אין נאמען פון „מזרחי", מ. רוזיעוויטש — יודענשטאטס פארטיי, מ. שייקאוויטש — בית"ר און ש. יא-זשאמבעק — „ברית החיל". דאן האלט א זעהר געלונגענעם רעפעראט אין נאמען פון „אחדות ישראל" פרעזעס ח. ל. יונגסטער.

די שמחה האט זיך פערצויגען ביז אין דער שפעטער נאכט ביי פערשידע-נע חסידישע קופלעטלעך און ארץ-ישראל לידער. אין א געהויבענער שטי-מונג ווערט די פייערונג געשלאסען מיט'ן אבזינגען התקוה און בשוב ד'.

כדאי צו בעמערקען, אז דער איני-ציאטאר פון דער פייערונג איז געווען דער ריהרעווודיגער גבאי ה' אברהם אפמאן. ביי דער געלעגענהייט זענען געשענקט געווארען אנ'ארון קודש דורך ה' יוסף קרויזע, א פרוכת דורך די ברידער פ. און מ. שייקאוויטש, א לבוש צום ספר-תורה דורך ה' מ. שידלאווסקי.

ע. י—טש.

דראמאטישער געיעג נאך באנדיטען

צונישט - געמאכט א דרייסטען אנפאל

אינ'ם וויגיליע-טאג האט די טשענ-סטאכאווער אויסשפיר-פאליציי אויף א געשיקטען אופן צושטערט די פלענער פון צוויי געפעהרליכע פערברעכער, וועלכע האבען געפרובט אין טשענסטא-כאוו אויסצופיהרען א דרייסטען אנפאל מיט געוועהר אין דער האנד.

די פערברעכער זענען געוועזען בע-קאנט דער פאליציי פון אייניגע דרייס-טע גנבות, וועלכע זיי האבען אויסגע-פיהרט אויפ'ן שטח פון אונזער שטאדט אין געגענדען און וואוינונגען, אבער זייט צוויי וואכען איז זיי נישט געלונ-גען צו ענטדעקען.

אינ'ם סאמע וויגיליע טאג איז אבער דער אויסשפיר-מאכט געלונגען צו קו-מען אויף די שפורען פון די פערברע-כער. ס'האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז אויך זיי האבען בעמערקט דעם דורכפאל און דעריבער האבען זיי בע-שלאסען צום לעצטען מאל אויסצופיה-רען אנ'אנפאל אין ברייטען מאסשטאב, כדי דערנאך מיט'ן פעטען רויב צו ענטלויפען נאך אויסלאנד. דער אנפאל האט געזאלט אדורכגעפיהרט ווערען אויף דער וואוינונג פון איינעם פון די פערמעגליכערע הינער איינוואוינער אין דער וויגיליע-נאכט.

די באנדיטען האבען זיך בעזארגט מיט געוועהר און ארויס „צו דער ארבייט" ארום 4 א זייגער נאכמיטאג. גלייך נאך זיי איז אבער אויך ארויס די פאליציי. די באנדיטען האבען בע-מערקט, אז זיי ווערען נאכגעפאלגט דורך דער פאליציי און דעריבער גע-גאנגען פון איין גאס אין דער אנדע-רער. עס איז ענטשטאנען א געיעג, אנגעפיהרט פערזענליך דורך דעם לייטער פון קאמיסאר פון דער אויס-פארשונגס - פאליציי קאסטירקא. נישט וועלענדיג דערלאזען צו קיין שיסעריי אין דער שטאדט האט די פאליציי ארויסגעיאגט די באנדיטען אין דער ריכטונג קיין רודניק, וואו די פערברע-כער זענען אריינגעשאלען אין א נעץ. פון דער צווייטער זייט שאסע זענען צו די באנדיטען צוגעגאנגען עטליכע אדורכגעהער און געבעטען פייער צום פאפיראס. ארומרינגלענדיג זיי אונפער-האפט האבען זיי פערלאנגט פון די באנדיטען ארויסצוגעבען דאס געוועהר. די „דורכגעהער" זענען געווען אויס-שפירער פון דער געהיים פאליציי.

ביידע באנדיטען זענען דאן געשמידט געווארען אין קייטען און אהן ווידער-שטאנד אבגעפיהרט געווארען אין דער תפיסה אויף זאוואדזיע. זיי זענען: דער 24 יעהריגער יאן פאלעטשיק און דער 22 יעהריגער אלעקסאנדער מאזשעץ, ביידע אהן שטענדיגען וואוין-ארט, פיעלמאל בעשטראפטע רעצידיוויסטען. זיי האבען זיך מודה געווען, ערקלע-רענדיג דערביי, אז זיי האבען בע-שלאסען זיך נישט איבערצוגעבען אין די הענט פון דער פאליציי אהן בלוט-פערגיסונג, אבער זיי זענען אונפער-האפט ארומגערינגעלט געווארען. אין טשענסטאכאוו האבען זיי געוויילט „אויף גאסטראלען" און רעכנענדיג לעצטענס אויף דער פערקלענערטער וואכזאמקייט פון דער פאליציי בעת די ימים-טובים, האבען זיי אין דער ווי-גיליע געפרובט אויסצופיהרען דעם אנפאל.

ביי די פערהאלטענע באנדיטען זע-נען געפונען געווארען צוויי רעוואלווע-רען פון דער פירמע „שטייער" אנגע-לאדען מיט 8 קוילען יעדער, אויסער דעם צו צוויי רעזערוו-מאגאזינען.

א גרעסערען טייל פון די געגנבעטע זאכען האט די פאליציי אנגענומען פון די פאסערס און אומגעקעהרט צו די געליטענע. די ווייטערדיגע אויספאר-שונג דויערט.

חנוכה - אווענד אין בית"ר

שבת אווענד צום לעצטען חנוכה-ליכטעל איז פארגעקומען אין לאקאל פון „נורדיה" א חנוכה-אווענד איינגע-ארדענט דורכ'ן ארטיגען בית"ר. נאכ-דעם ווי דער יונגער בית"רי א. נשרי צינדט די ליכטלעך האלטען רעפעראטען וועגען דער בעדייטונג פון חנוכה מפקד ה. קראק און ה. בראקמאן. דאן קומען פאר דעקלאמאציעס און רעציטאציעס אויסגעפיהרט דורך די אחים: סאמסא-נאוויטש נאדיא, ראזענבלום און בירענ-באוויינג. דער לעצטער האט דעקלאמירט אייניגע שאפונגען, זעהר געלונגענע.

נאכ'ן פערענדיגען דעם אפיציעלען טייל איז פארגעקומען א גלעזעל טעע און דער עולם האט געזונגען און גע-טאנצט הוירא'ס.

וויכטיג פאר הויז - בעזיצער

דער „אווזשאנד סקארבאווי" דער-מאנט די הויז-בעזיצער וועגען דער פליכט צוצושטעלען ביז'ן 15 יאנואר ק.י. די אויסצוגען פון די הויפט-לאקא-טארען, זייער בעשעפטיגונג און הכנסה-קוויטלען.

פון דער קהלה

בעזייטיגט עטליכע דאָזאָרעס און גערופען זייערע פערטרעטער

לעצטענס האָבען זיך אַרומגעטראָגען קלאַנגען, אַז עס קומט א קאָמיסאַר אין דער קהלה. מען האָט שוין זאָגאָר אָנגערופען נעמען. ווי ס'ווייזט זיך אָבער אַרויס איז די ידיעה נאָך פריהצייטיג און אָנשטאָט דעם איז פאָרגעקומען אַנ'אַנדערע איבערקערעניש, וועגען וועלכע עס איז כדאי צו דערצעהלען אונזערע לעזער.

ווי בעוואוסט, סאַבאָטירען א רייהע דאָזאָרעס די אַרבייט אין דער קהלה, אַזוי, אַז אויף א זיצונג קומען סך הכל געצעהלטע דאָזאָרעס, האָט פּרעזעס ראָזענבערג אויסנוצענדיג דעם געהעריגען פּאַראַגראַף אויסגעשלאָסען פון דער פערוואַלטונג די אַלע דאָזאָרעס, וועלכע זענען לעצטענס נישט טעטיג און אויף זייער אָרט גערופען די פערטרעטער.

ווי מיר הערען געוואויר, וועט דער קהלה-פּרעזעס אין די נאָהנטסטע טעג רופען א פּרעסע-קאָנפערענץ, אַזוי, אַז מיר וועלען קענען גענויער אינפאָרמירען אונזערע לעזער וועגען דעם דאָזיגען ענין.

פון יודישען גימנאַזיום

ווי מיר ווערען געוואויר האָט דאָס יודישע גימנאַזיום אין זאָרג פאַר די שילער אויך בשעת די פעריען איינגעאָרדענט א שוויטעליצע פאַר די שילער, וועלכע איז טעטיג יעדען טאָג אין די נאָכמיטאָג שעה'ן. די שוויטעליצע איז פערזעהען אין טאָג-צייטונגען און אַנדערע צייטשריפטען.

א חוץ דעם עקזיסטירט אין גימנאַזיום א גליטש, וועלכע איז טעטיג א גאַנצען טאָג און איז איינגעאָרדענט אויף א שטח פון אַנ'ערך 1500 קוואַדראַטמעטער. צוטריט צום גליטש האָבען נאָר שילער פון גימנאַזיום.

נדבות אין רעדאַקציע

פאַר „תומכי עניים"

ה' מאָריץ קאַפּינסקי און פרוי צו דער בר-מצוה פון זייער זוהן 20 קילאָ ברויט.

ה' א. אַפּמאַן און פרוי צו זייער ניי-געבוירענעם זוהן 10 קילאָ ברויט.

ה' גרשון פרענקער צו דער יאָהרצייט פון זיין פערשטאָרבענע מוטער 10 קילאָ ברויט.

ה' ישראל פרענקער צו דער יאָהרצייט פון זיין פערשטאָרבענע מוטער 7 קילאָ ברויט.

פרוי וויינשטאָק און קינדער אַלעע 20 צו דער יאָהרצייט פון זייער פערשטאָרבענעם מאַן און פאָטער 10 קילאָ

ה' ראַטמיל צו דער יאָהרצייט פון זיין פערשטאָרבענעם פאָטער 2 זל.

פאַר די פליטים פון דייטשלאַנד

ה' שלמה גליקסמאַן 5 זל.

ה' אברהם אַפּמאַן 5 זל.

דורך די ה"ה: פ. קרויזע און א. אַפּמאַן אויב'ן חינוך פון דער חברה אחדות ישראל 10 זל. מיט 4 גר.

בלוטיגער פינאַל פון א חתונה-מאַלצייט

דעם 26 ד. ח. 6 א זייגער אָוונד איז אויפ'ן וועג אין דאָרף וואַנסאָש ענטשטאַנען א געשלעג צווישען די ברידער יוזעף און קאַזשימיעזש קאָוואַליק פון איין צד און סטעפאַן קרופּינסקי מיט בראָניסלאַוו יאַניק פון צווייטען צד. אין רעזולטאַט האָט מיט אַנ'אייזערנער שטאַנג בעקומען איבער'ן קאָפּ א „צושויער", דער 60 יעהריגער איגנאַצי מראָזיעק, ביי וועלכען ס'איז געפּלאַצט דער שאַרבען.

משה (מאַניעק) פּענדראַק

אין בליהענדער און אין פולער לעבענס קראַפט, אין 37-טען לעבענס-יאָהר, האָט דער טויט איהם אַרויסגעריסען פון אונזערע רייהען. א יונג לעבען פול מיט קאַמף און לוסט, אַריינגעטהון מיט'ן גאַנצען וועזען און גראַנגעל פאַר דער פערווירקליכונג פון ציוניזם, פון באָראָכאָוויזם. פון דער קינדהייט פערבינדען מיט דער אידעע פון אַרב. א"י, שטעהט ער, מיט ברען און עקשנות אויף די פּאָזיציעס פון ציוניסטישע רעאַליזירונגען, טראָגענדיג און פערשפּרייטענדיג אין דער אַרב.-גאַס, אין ביוראָ, אין וואַרשטאַט א קק"ל-פושקע, א שקל, א קפא"י קופּאָן, א וואַהל-צעטעלע, א פּאַרטיי-נצחון. בעשיידען און ערנסט אין דער אַרבייט, תמיד מיט הומאָר, האַפערדיגקייט און מוט. פון דער פריהסטער יוגענד צוגעשמידט צו דער פאַבריק, צום וואַרשטאַט. פערהאַרעוועט אַלס לוין אַרבעטער, נישט וויסענדיג פון קיין רוה און מידיגקייט, האָט ער אַלס בעוואוסטזיניגער און אָרגאַניזירטער אַרבייטער, געטריי און ערליך אויסגעפיהרט זיין שליחות.

כבוד זיין אָנדענקען.

יהושע שטרויס.

ס'מעהרען זיך די קרבנות פון דער פראָסט

דינסטאַג שפּעט אין אָוונד איז געשעהן אַנ'אומגליקס-פאַל אויף זאַטשיש, פון וועלכען ס'איז געפאַלען אַלס קרבן דער 32-יעהריגער אַרבייטער וולאַדיסלאַוו שמיט. אומקעהרענדיג זיך אַהיים אין א נישט-ניכטערען צושטאַנד איז שמיט, כדי צו געפינען א קורצערען וועג אַדורכגעגאַנגען אויף א ברעטיל איבער א טייך. אין א געוויסען מאָמענט איז ער אַריינגעפאַלען אין וואַסער און אַדורכגענעצט די קליידונג, וואָס איז מאָמענטאַל צוגעפרוירען.

אַרויסקומענדיג אויפ'ן ברעג האָט ער געפּרובט צו לויפען אַהיים, אָבער ער איז א פערפרוירענער געפאַלען אויף דער ערד. אין דער זעלבער צייט זענען אַדורכגעגאַנגען די שטובענהענדלער באַרטאָשאַק און שעוושיק, וועלכע האָבען דעם פערפרוירענעם אַבגעפיהרט אַהיים און אויף אַזאַ אופן איהם אַבגעראַטעוועט פון א זיכערען טויט.

דערשאָסען צום טויט פאַר'ן קאַשטשאַל אין די וויגיליע-נאַכט.

שבת 12 א זייגער ביינאַכט, אין דער נאַכט פון דער וויגיליע, איז ביים איינגאַנג אין קאָשטשאָל אַריין אין דאָרף מאַקשק, געפאַלען א טויטער דער 23 יעהריגער מאַטוס פון זעלבען דאָרף.

דער הרוג איז געלעגען אויף דעם זעלבען אָרט ביז דינסטאָג, ווען די אויספאָרשונג-קאָמיסיע האָט אַדורכגעפיהרט די אויספאָרשונג.

די מערדער, וועלכע שטאַמען פון דאָרף וויכערניק זענען געוואָרען אַרעסטירט, זיי האָבען ערקלערט, אַז זיי האָבען געהאַט א טעות. נישט מאַטוס'ן האָבען זיי געמיינט, נאָר אַנ'אַנדערן, וועלכען זיי האָבען געוואָלט דערשיסען אויס נקמה.

פון באָקס

„נורדיה" — „אַדמיראַ" 12:4

א זעהר דערפרעהענדע ערשיינונג — עס פערשוואונדען איינציגווייז די צייטען, ווען יודען האָבען אַרויסגעוויזען א שטאַרקען ווידערגעפיהל צום באָקס-ספּאָרט. פון צייט-צו-צייט דערגעהן ידיעות וועגען סוקצעסען פון יודישע פויסטלער אין פערשידענע לענדער.

דער באָקס-ספּאָרט האָט אויך בעהערשט די היגע יודישע יוגענד און נעמט אַרום אַלץ גרעסערע קרייזען. ביים היינטיגען טאָג עקזיסטירען שוין אין טשענסטאָכאָוו פיער באָקס-מאַנשאַפטען, וועלכע פיהרען זייער אַרבייט אינטענסיוו.

לעצטען מאָנטאַג האָבען מיר געהאַט די געלעגענהייט צו זעהען דעם דעביוט פון צוויי ניי-געבאַקענע באָקסער-מאַנשאַפטען, וועלכע זענען אויסגעפאַלען זעהר שעהן.

מיר מוזען מודה זיין, אַז אין די רייהען פון ביידע קלובען געפינט זיך א סך גוט מאַטעריאַל אויף אמת'ע באָקסער.

„נורדיה" האָט דעביוטירט מיט באָקסער פיזיש גוט געבויטע, מיט א סך אַמביציע, ספּאָרטליך גוט דערצויגענע און ווי אויפ'ן ערשטען אויפטריט טעכניש נישקשה'דיג אָוואַנסירטע. די „אַדמיראַ" מאַנשאַפט דאַגעגען האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי מען וואָלט אַרויסגעשטעלט א פיזיש שטאַרקע מאַנשאַפט און געהייסען זיך שלאָגען אויפ'ן רינג. אין דער ערשטער רייהע האָט זיך ביי די לעצטע געלאָזט מערקען די נישט-ספּאָרטליכע דערציהונג און קנאַפּע אויסשולונג. ביי א געהעריגער אויפשולונג קען מען פון דאָרט אויסקלויבען עטליכע גוטע באָקסער. אַנ'אויסנאַהם איז געוועזען דילעווסקי (אגב שוין נישט דאָס ערשטע מאָל אין רינג), וועלכער האָט געוויזען א שעהנעם קאַמף און איז — לויט אונזער מיינונג — דער בעסטער באָקסער אין האַלב-מיטעל-געוויכט פון טשענסטאָכאָוו.

די רעזולטאַטען פון די קאַמפען זענען פאָלגענדע (אויפ'ן ערשטען אָרט „נורדיה"):

פּאָטאַשעוויטש—דערעס. ביידע קעמפען אַמביציעז. פּאָטאַשעוויטש אַפּערירט אָבער בעסער מיט דער לינקער האַנד און זיעגט אויף פּונקטען.

כליוונער — לעווקאָוויטש. כליוונער ווייזט א נישקשה'דיגע טעכניק און האָט אַנ'איבערמאַכט אין דער ערשטער און דריטער רונדע. דער זיעג פון לעווקאָוויטש'ן בע'עולה'ט כליוונער'ן.

ליבערמאַן-1—ליבערמאַן. דער ערשטער האָט א פעסטען קלאַפּ און זיעגט דורך א טעכנישען נאָק-אוט אין דער דריטער רונדע.

קעניגסבערג—שעראַדזקי. דער גאָריונגיטשקער קעניגסבערג אינקאַסירט אין דער ערשטער רונדע עטליכע פעסטע קלעפּ פונ'ם פיזיש-שטאַרקערען שעראַדזקי, וועלכער איז ספּאָרטליך נישט-דערצויגען און פיהרט זיך נישט ווי געהעריג אויף אין רינג. אין דער צווייטער רונדע איז קעניגסבערג בעסער און זיעגט דורך א טעכנישען נאָק אוט.

זילבערשטיין—הערשליקאָוויטש. דער לעצטער קעמפט ווילד און ביי אַזאַ צושטאַנד האָט מען איהם נישט געדאַרפט אַרויסשטעלען צום קאַמף, ווייל אַזאַ אָרט קעמפען לאָזט איבער א ביי-געשמאַק. דער קאַמף ענדיגט זיך אונענטשידען.

דיאַמענט—דילעווסקי. דאָס איז דער שענסטער קאַמף פון אָוונד. דילעווסקי ווייזט אַרויס א סך קענטניש. ער האַלט זיין פיזיש שטאַרקערען געגנער פון דערווייטענס און מיידט שעהן אויס דיאַמענט'ס פעסטע קלעפּ. דילעווסקי האָט א בעדייטענדע איבערמאַכט אין דער ערשטער און צווייטער רונדע און דער רעמי - רעזולטאַט בע'עולה'ט איהם שטאַרק.

ליבערמאַן-2 -- פּאַסקוטאַווסקי. ביידע זענען קנאַפּע באָקסער אָבער קעמפען מיט א סך אַמביציע. עס זיעגט ליבערמאַן.

קעניגסבערג 2—שוואַרץ. קעניגסבערג הויבט אָן דעם קאַמף אין א שנעלען טעמפּאָ, בעלייגט זיין געגנער מיט א האָגעל פעסטע קלעפּ און זיעגט דורך א נאָק-אוט אין דער ערשטער רונדע.

דער ריכטער ה' רייצאַם — אגב צום ערשטען מאָל אין רינג — האָט נישט בעהערשט זיינע אויפגאַבען און אַריינגעפיהרט א כאַאָס, סיי צווישען די ספּאָרטלער, סיי צווישען פּובליקום.

מ. ק—ן.

פון „ברית החיל"

פרייטאַג, דעם 30 ד.ח. 7.30 אָוונד קומט פאָר אין לאָקאַל פון ביתר, אַלעע 40, א פערזאַמלונג פון אַלע מיטגלידער און סימפּאַטיקער. עס וועלען ווערען ערלעדיגט זעהר וויכטיגע פראַגען אין צוזאַמענהאַנג מיט די לעצטע ערהאַלטענע אָנווייזונגען פון דער מפקדה ראשית אין לאָדז.

WORLD-RADIO
świat w domu...

Doskonałą służbę informacyjną o każdej porze pełni niezawodnie odbiornik wartościowy nabyty we firmie fachowej.

Prowadzimy wyłącznie odbiorniki uznane powszechnie jako przodujące.

Autoryzowana sprzedaż wyrobów firm:

Elektrit
Telefunken
Capello
Korona
Hornyphon

Warunki dogodne.

WORLD-RADIO
Spółka Kom.
N. M. Panny 24, tel. 25-75.

פאַרבעריי
און כעמישע וועשעריי
„BENETA"
פאַבריק און קאַנטאָר: ב. יאָסעלעוויטשאַ 11
פיליע 2-טע אַלעע 16 (הויז פון ה' איסין)
מענער - קראַגענס ווערען ווייטער געוואַשען מיט דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ צום פּרייז 12 גר.
ספּעציאַליטעט:
1) אויפפרישען (פאַרבען) לעדערנע קורטקעס, 2) פאַרבען לויט מוסטערן, 3) רעמאַנטירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויס'ן אָרט), 4) כעמישרייניגען און פּאַסאַנירען קאַפּעלושן, די אַרבייט ווערט אויסגעפיהרט אונטער דער לייטונג פון אַנ'אַבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע-שולע אין וואַרשאַ מיט לאַנגיעהריגער פּראַקטיק

Kino „BAŁTYK" 14—16 אַגראַדאָוואַ
מעכטיגע דראַמע
Cienie Paryża
בילעטען פון 40 גר.

עס ווערט געזוכט
א יונגע
אין א לעדער-געשעפט
ערקונדיגען זיך אין רעדאַקציע.

Kino „LUNA"
הערליכער ריהרענדער פילם לויט דער ערצעהלונג פון קאַמיל גאָרדען
Moi rodzice rozwodzą się
אין די הויפּט-ראָלען:
גאָרטשינסקאַ, אַנדזשעיעווסקאַ, ניעמירזשאַנקאַ, בעניטאַ, יאַראַטשובנאַ, בראָדניעוויטש, סטעמפּאָווסקי, פעמפּאַלינסקי א"א

Kino STYLOWY
Aleja 27.
ULTIMATUM
דער פילם אילוסטרירט די טעטיגקייט פון געהיימען אויסשפּיר
אין די הויפּט-ראָלען:
עריק פאָן שטראָהיים, דיטאַ פּאַרלאָ און אַבעל זשאַקעט

KINO „EDEN".
דער הערליכסטער וועלט פילם!
קונסטווערק אין נאַטורלעכע קאָלירען!
DRUM
אין דער הויפּט-ראָל:
דער געניאַלער הינדוס
סאַבו
און טויזענדער אַנדערע אַרטיסטען

CĖDIB
UNIVERSITE DE BEAUTE
PARIS
RACJONALNA KOSMETYKA
Słynne instytuty kosmetyczne w całej Polsce

Red. B. Bocian Wyd. B. Bocian i S-ka Druk. B. Bocian, Aleja 6

2150